גרויסער האר פון דער גאַנצער וועלט, איך קום צו דיר מיט אַ גרויס געבעט, אַז עס זאָל זיין דיין ווילען צו פיהרען מיר מיט דיין זיכערע האַנד דעם גאַנצען וועג וואָס איך וועל טראָגען אין זיך מיין קינד און אַז מיין שוואַנגערשאַפט זאָל דורכגעהן גרינג און אָהן שום ערגערניש און פערדרוס. און ווען עס וועט זיך ענדיגען די פולע צייט פון מיין שוואַנגערשאַפט זאָל איך איבער־קומען דעם געבורט בְּשָׁלום אָהן שום שלעכטען צופאַל.

איך בעט דיר, ג־ט, איך זאָל ווערט זיין צו האָבען אַ גאַנצע, געזונטע און גע־ראָטענע קינד. און נאָכדעם ווי מיין קינד וועט שוין מיט דיין הילף קומען אויף דער ליכטיגער וועלט, טוה איך תפילה צו דיר, באַרעמהערציגער ג־ט, אַז דו זאָלסט האַלטען דיינע אויגען אָפען אויף מיין קינד און היטען איהם אַז עס זאָל קיין בייזעס איהם ניט גע־שעהן. און מיר מיט מיין מאַן זאָלסטו געבען כוח, געזונד און פַּרְנָסָה, מיר זאָלען אונזער קינד קאָנען אויפהאָדע־ווען און פערשאַפען איהם אַלדאָס גוטס פון דיין ברייטער האַנט.

PRAYER OF A WOMAN WHO EXPECTS TO BECOME A MOTHER

G-D of the universe, I beseech Thee, lead me in safety during the months of my ordeal and lessen my physical suffering during the period of my tribulation. Save me from pain and evil. Cause the delivery of my child to pass without any mishap.

O Merciful, I plead with Thee, let my future infant greet the light of life perfect in body and in spirit. Help me to bring him up in a manner that he develops in health, grace, opulence and honor. Keep a watchful eye over him and guard him from evil forces. Give me and my husband strength, health and material security that we may be able to provide for our child with whatever is necessary for a full, comfortable bringing up.

O G-d of our fathers, who gov-

ג-ט, וואָס דו באַשטימסט דעם שיקזאַל פון יעדען מענש אויף דער ערד. זעה אַז אונזער קינד זאָל אויסוואַקסען שעהן, געזונד און מיט אַ קלאָרען פערשטאַנד, אַז ער זאָל זיין אַן אַנשטענדיגער מענש און אַן עהרליכער איד, אַז ג-ט און לייט זאָלען מיט איהם שטאָלצירען. און פיהר איהם אין די וועגען פון אידישקייט און עהרליכקייט און ער זאָל זיין בעגליקט מיט די בְּרָכוֹת, אין אַלע זיינע אונטערנהמונגען.

און אין דעם זכות, וואָס איך שטרעב צו האָבען עהרליכע קינדער, וואָס פיהרָען זיך אויף ווי אָרענטליכע אידען און אויך אין דעם זכות, וואָס איך גיב איצט צדקה, זאָלסטו, ג-ט, אויסהערען מיין געבעט און צוליב טאָהן מיין וואונש. און דורך דעם וועט געגרויסט ווערען ג-טס נאָמען און ג-טס חֶסֶד וועט אַראָבנידערען אויף׳ן אידישען פאָלק און זיי וועלען געטרייסט ווערען מיט דעם טרייסט פון ציון און דער הייליגער טעמפל וועט אויפגעבויט ווערען פאַר אונזערע צייטען. אמן.

ernest all things in heaven and earth with wisdom and care, give our future infant health and understanding that he may grow up a good man and true Jew, to the delight of G-d and mankind. Bestow upon him the felicitations that Thou hast preserved for all those that walk in the pathway of righteousness and morality.

I sincerely and honestly strive to be the mother of good, decent and G-d fearing children. Sustain me, O Merciful Father, in my wishes. And may Thy name be consecrated through my children. And in the merit of the contribution that I am now offering to institutions of Torah learning and other worthy causes, may Thy kindness descend upon the Jewish people to protect them from enemies and bring them back to the Holy Land. May the Holy Temple be speedily erected. Amen. May thus be Thy will.

געבעט אויף קינדער

גרויסער ג-ט, דו וואָס פאַר דיר איז ניטאָ קיין אומעגליכעס אין יעדער זאַך, וואָס ווערט געטאָהן אויף דער ערד, ווערט באַשטימט דורך דיר, און וואָס האָסט שוין באַוויזען אַזוי פיל וואונדער מיט אונזערע מוטערס שרה רבקה און רחל און מיט דער הייליגער פרוי חַנָה, די מוטער פון דעם נָבִיא שְׁמוּאֵל, — טוה איך איצט תפלה צו דיר, אַז דו זאָלסט אַנטפלעקען דיין גרויסען חֶסֶד אויך צו מיר און מאַכען, אַז איך זאָל פער-שווענגערן אין אַ מזל'דיגער שעה. און פאַס אויף אויף מיר דורך דער גאַנצער צייט פון מיין שוואנגערשאַפט, אַז אַלעס זאָל דורכגעהן בְּשָׁלוֹם און איך זאָל אויסטראָגען אַ געזונטע קינד, גאַנץ אין אַלע זיינע גלידער. און גיב אין איהם אַריין א עהרליכע און אידישע נשמה. און ווען מיין שוואַנגערשאַפט וועט זיך ענדיגען זאָלסטו פארלייכטערן מיינע געבורט וועהען און איך זאָל אַריבער-קומען דעם געבורט אָהן שום שלעכטע צופאַלען.

איך בעט דיר, גרויסער ג-ט, גיב מיר אַ קינד, וואָס זאָל זיין מיט חֵן ביי ג-ט און בִּיי לייטען און אַז ער זאָל זיין אַ פרייד און צַ ציהרונג צו זיינע עלטערן

PRAYER FOR CHILDREN

O LORD our G-d, Thou art omnipotent and all-powerful and Thou ordainest everything that is taking place on the earth. Thou hast already committed miracles with our Mothers Sarah, Rebecca, Rachel, Leah, and also with the pious woman Hanna, the mother of the Prophet Samuel—I beseech Thee that Thou bestow thy kindness on me too and cause me to bear children. Protect me from fear and from every other mishap during my pregnancy. Let my child greet the light of life without causing me pain or anxiety. Let my future infant be perfect in body and in spirit.

I pray to Thee, give my future child a true Jewish soul, that it may grow, bloom and develop in health, grace, honor and lead a life conformable to the Jewish tradition, to the delight and glory of the parents and mankind at

און פֿאַרן כּלל ישׂראל. דערוועק דיין רחמים אויף מיר, אַז איך און מיין מאַן זאָלען זיין אים שטאַנדיג איהם אויס-צוהאָדעווען און פֿאַרזיכערען איהם מיט אַלעם נויטיגען און איך זאָל האָבען כּוח צו זיין אַ מאַמע צו איהם און פֿיהרען איהם אין דיינע וועגען פֿון מענשלעכ-קייט און אידישקייט.

איך בעט, אַז אַלע היילגע און טייערע נשמות, וואָס געפֿינען זיך אין גן עדן, זאָלען זיך מיהען פֿאַר מיר, אַז מיין גע-בעט זאָל אָנגענומען ווערען פֿון דיר ג-ט. איך זאָג צו, אַז דעם קינד, וואָס דו, גרויסער און באַרעמהערציגער ג-ט וועסט מיר שיינקען, וועל איך זיך אָנ-שטריינגען מיט אַלע כּוחות צו פֿיהרען איהם אין דיינע וועגען, אין די וועגען פֿון אידישקייט און מענשליכקייט. און דאָס שטאַרקט מיין האָפֿנונג, אַז איך וועל אויפֿגעריכט ווערען לויט מיין וואונש. אויך דער זכות פֿון די צְדָקָה, וואָס איך גיב איצט אויף וואָלטהעטיגע צוועקען, וועט מיר ביישטעהן, אַז ג-ט זאָל נאָכגעבען מיין פֿאַרלאַנג. אמן.

large. Help me and my husband to raise our future infant in material security. Grant us strength that we may raise and train him in the pathway of true Judaism and human kindness.

All the virtuous and dear souls finding blissful repose in Heaven may intercede in my behalf that my prayer be favorably accepted by G-d Almighty. I solemnly promise that I shall make every effort to instill in my future infant humanitarian ideas and ideals in conformity with the spirit of Judaism and the teachings of the Torah.

And this gives me courage and hope that G-d will hearken to my prayer and do my bidding. The merit of charity to which I am now making a contribution, according to my ability, will also serve me in good stead to have my wishes fulfilled. Amen. May thus be Thy will.

צו בעטען אויף אַ קראַנקען

בייס בעט פון קראַנקען

אָדער פון דער ווייטענס.

קוק זיך צו, ג-ט, ווי מיין טהייערער פריינד, וואָס הייסט (דאָ זאָגט מען דעם נאָמען פון דעם פריינד און דעם מוטער׳ס נאָמען) ליעגט נעבעך אין אַן ערענסטען צושטאַנד און ווערט פערצעהרט פון אַ היכען פיבער. זיינע (איהרע) ווייטאָגען צעשטערען זיין (איהר) שלאָף און גיבען איהם (איהר) ניט קיין רוה אויפן געלעגער. ער (זי) ווערט אַלץ ערגער און ערגער און עס איז שוין דערגאַנגען צו דעם, אַז דאָס ריידען איז איהם (איהר) שוין שווער. וואו נאָר מען ריהרט זיך צו צו איהם (איהר) שרייט ער (זי), אַז עס טוהט איהם (איהר) וועה און עס געהט איהם (איהר) אויס די אַנגסטן.

איך בעט ביי דיר, אַלמעכטיגער און גרויסער ג-ט, וואָס דיין נאָמען איז גרויס צו טאָהן וואונדער און היילען קראַנקע, אַז דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען איבער מיין פריינד און איהם (איהר) שיקען אַ היילונג צו זיין (איהר) לייב. אז ער (זי) זאָל אין גיכען אויפשטעהן פון זיין (איהר) קראַנקען בעט און צו

A PRAYER FOR THE SICK

(At the patient's bedside or from afar)

O LORD, look down upon the earth and see the dear friend of mine (mention here name of friend and name of friend's mother) lying prostrate in a serious condition and is being consumed by high fever. His (her) sleep is shattered because of his (her) pain and his (her) restlessness is visibly aggravating his (her) condition. He (she) waxes increasingly weaker, and his (her) thoughts are wandering. His (her) affliction is great. There is no soundness in his (her) flesh and his (her) anguish is a matter of grave concern to me and to all his (her) friends and relatives.

I beseech Thee, sublime and omnipotent G-d, Whose name has been acclaimed throughout generations to have wrought wonders in healing the sick—have mercy on my friend and

זיין אים שטאַנדע זיך צוריק שטעלען
אויף זיינע (איהרע) פיס און זיין ווידער
נוצליך פאַר זיך און פאַר די, מיט וועמען
ער (זי) קומט אין באַריהרונג. טוה
דאָס, בארעמהערציגער ג-ט, פון דיין
גוטסקייט וועגען אויב אפילו מיין
פריינד האָט עס ניט פארדינט מיט
זיינע (איהרע) מעשים טוה דאָס אין
זכות פון די צדיקים וואָס זיינען געווען
אין אַלע צייטען שענק איהם (איהר) נאָך
לאַנגע יאָהרען אין נחת און פרידען,
אַז ער (זי) זאָל קאָנען באַנייען זיין
(איהר) פריהערדיגע טהעטיגקייט פאַר
זיין (איהר) וואָהלזיין און פאַרן בענעפיט
פון זיינע (איהרע) אייגענע פון נאָהנט
און ווייט.

איך האָף, אַז אין דעם זכות פון צדקה,
וואָס איך גיב איצט אויף וואָלטעטיגע
אַנשטאַלטען, וועט ג-ט אויסהערען מיין
געבעט און שיקען איהם (איהר) אַ
רפואה שלמה. אמן.

send him (her) a cure for his (her) wounds that he (she) may get off from his (her) bed and be able to resume his (her) former mode of life. Grant him (her), O gracious G-d, a speedy recovery and help him (her) regain his (her) former position of usefulness to himself (herself) and to his (her) family and associates. For thine own sake, O Merciful, listen to my prayer and bring my friend forth from darkness into light. Give him (her) grace and days full of happiness. Enable him (her) to leave his (her) sick bed and resume his (her) former active life.

For the sake of the holy spirits of all generations renew his (her) strength and remove his (her) suffering. I am strong in my hope that the donation I offer now for yeshivas will stand in my friend's stead and my prayer will be favorably accepted. Amen.

נאָך אַ געבעט פאַר אַ קראַנקען ג-ט בעהיט

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הער פון אַלע וועלטען, בַּעַל הָרַחֲמִים, דער העכסטער אויטאָריטעט און געדאַנק פון באַרימהערציגקייט, רוֹפֵא כָל בָּשָׂר, וואָס היילט אַלע מענשען וואָס זענען פון פְלֵייש, וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת און טוהט וואונדער מיט דעם לעבען און געזונד פון יעדען מענשען, אֲשֶׁר בְּיָדוֹ נֶפֶשׁ כָּל חָי וואָס אין זיין מאַכט איז אַבהענגיג דאָס לעבען פון יעדען וועזען, חֲמוֹל וְחוּס נאָ ערבאַרעם דיך און שיץ אֶת נֶפֶשׁ הָאוּמְלָל דאָס לעבען פון דעם קראַנקען, וואָס הייסט (דאָ זאָגט מען דעם נאָמען פון דען קראַנקען און דעם נאָמען פון דעם קראַנקען׳ס מוטער) ער (זי) זאָל האָבען דורך דיין ווילן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה אַ פולשטענדיגע רְפוּאָה מִן הַשָּׁמַיִם פון דעם הימעל; בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל צווישען די אַלע אידישע קראַנקע, וואָס ווערען געהיילט פון דיין ליעבען נאָמען, כִּרְצוֹן אַזוי ווי דער ווילען כל קְרוֹבָיו פון אַלע זיינע (איהרע) אייגענע וּכִרְצוֹן און אַזוי ווי דער ווילען כָל אוֹהֲבָיו אַלע זיינע (איהרע) פריינד. וְיִזָּכְרוּ לְפָנֶיךָ און עס זאָל געדענקט ווערען פאַר דיר זְכוּיוֹתָיו וְצִדְקוֹתָיו זיינע (איהרע) גוטע און וואָלטעטיגע

ANOTHER PRAYER FOR THE SICK

O G-D, Ruler of the universe, Thou art the wondrous healer of all flesh and hast formed man in wisdom, and in Thy power lies the life of every living thing. Have pity on, and spare the life of the sick (mention the name of the sick person and the name of patient's mother) that he (she) may recover speedily, along with other sick Jews. This is indeed the wish of all his (her) relatives and friends who are anxious to see him (her) restored to normal health. May all the noble deeds and actions that he (she) has committed be remembered by Thee. May Thou cast all his (her) sins into the depths of the sea. May Thy mercy subdue Thy wrath against him (her). May Thou renew his (her) youth and lengthen his (her) life in peace, plenty, prosperity, as it is written "for length of days and years of life will be increased unto thee."

טהאַטען, וואָס ער (זי) האָט ווען עס איז באַגאַנגען; וְתַשְׁלִיךְ און זאָלסט אַוועקוואַרפען בִּמְצוּלוֹת יָם אין טיפסטען אָרט פון דעם ים כל חַטָּאוֹתָיו אַלע זיינע (איהרע) זינד וְיִכְבְּשׁוּ רַחֲמֶיךָ און דיין באַרעמהערציגקייט זאָל אָפּהאַלטען את כַּעַסְךָ דיין צאָרען מֵעָלָיו פון איהם (איהר); וּתְחַדֵּשׁ און דו זאָלסט בענייען און אויפפרישען. כַּנֶּשֶׁר אַזוי ווי אַן אָדלער נְעוּרָיו זיין (איהר) יוגענד מיט אַ פרישען געזונד מיט אֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים, מיט אַ לאַנג לעבען אין פרידען און פערגעניגען, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, גליק און ערפאָלג, אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק כִּי אוֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים יוֹסִיפוּ לָךְ, אַ לאַנג לעבען מיט יאָהרען פון פרידען זאָל דיר פערמעהרט ווערען.

עֲנֵינוּ ד׳ עֲנֵינוּ, ג-ט, פערנעהם און ענטפער מיר צום גוטען צוליב דיין גרויסען און הייליגען נאָמען; כִּי לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ יָ-ה, דען די געשטאָרבענע קאָנען דאָך דיר ניט לויבען מעהר און מיר ווילען דיך ווייטער דאָ אויף דער וועלט נאָך לויבען און דינען דיר, און זיין צוגבונדן צו אידישקייט און צו דיין הייליגער תּוֹרָה און צו דעם כלל ישראל צום געמיינזאַמען אידישען פאָלק.

איך גיב איצט אַ נדבה — דאָניישאָן

O G-d, answer me. Hearken to my prayer for the sake of Thy great and holy name. For "the dead praise not the Lord," and we want to praise and serve Thee here. We are eager to be a part of the Jewish people and observe together with them Thy holy Torah.

I am now donating to Hebrew schools and yeshivas and for the sake of those who are engaged in the study of thy Torah, receive my prayer favorably and restore his (her) health. Amen. May thus be Thy holy will.

אין דער פושקע צו תַּלְמוּד תּוֹרָה און יְשִׁיבָה און אין דעם זְכוּת פון די לוֹמְדֵי תּוֹרָה, די, וואָס לערנען דיין הייליגע תּוֹרָה און אין זְכוּת פון צְדָקָה — נעהם אָן מיין געבעט. אמן, כֵּן יְהִי רָצוֹן. זאָל אַזוי זיין דיין ווילען.

אַ געבעט ווען מען בענשט ראש חודש

יהי רצון עס זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר, מיין הייליגער בעשעפער, דער ג-ט פון אונזערע הייליגע אָבות און אִמָהות, פּאַטערס און מוטערס אברהם יצחק ויעקב, שרה, רבקה, רחל ולאה און פון אַלע צדיקים און צדקניות, און פרומע אידען, דאַס זאַלסט זיך דער-באַרעמען אויף מיר, אויף מיין ליבען מאַן, אויף אונזערע קינדער, אויף אונזערע אַלע אייגענע און אויף דעם כלל ישראל אַלע אידען איבער גאַר דער וועלט, און זאַלסט בעגליקען אונזערע אַלע וועגען און דאַס מיר זאַלען אויסגעהיט און געשיצט זיין מִכָל מִינֵי פּוּרְעָנִיוֹת, פון אַלע מעגליכע אומ-גליקס פאַלען חלילה ג-ט בעהיט, סיי אַ-זעלכע וואָס קלייבען זיך צו קומען אויפן כלל חלילה, און סיי פון איינצעלנע פאַלען שלעכטע אינצידענטען, וואָס קאַן קומען צו אַ מענש דורך אַ צופאַל אָדער דורך שלעכטע מענשען: רויבער, באַנדיטען, ווי אויך פון אַלערליי קראַנק-הייטען חלילה. און זאַלסט אונז געבען אונזער פרנסה צוגאַנג גרינג און פריי-גיביג, מיט כבוד, עהרע, אָהן שאַנד, און פון דיין פולער האַנד, דורך דיינע

A PRAYER
FOR A HAPPY NEW MONTH

May it be Thy will, O holy Creator, the G-d of our holy fathers and mothers, Abraham, Isaac, Jacob, Sarah, Rebecca, Rachel and Leah, as well as of all virtuous and pious men and women of past generations. Have mercy on me, on my beloved husband, and children (or child) and all those who are near and dear to me, and on all Jews throughout the world. Grant prosperity and success in all our undertakings and ventures. Shield and protect us from the misfortunes of life and from any harm that might come to us as a result of both the evil designs of godless people such as robbers and bandits, and of other causes such as sickness, epidemics, economic depression and similar disturbances. Give us, O G-d, security and peace of mind that we may maintain ourselves freely, in honor and decency; that

שְׁלוּחִים. און מיר זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען צו די גאָב פון מענשען. דען דו ביזט דער ג-ט, וואָס שפייזט און פערזאָרגסט די גאַנצע וועלט און אַלע בעשעפענישען פון גרויס ביז קליין.

מַלֵּא יָדֵינוּ מִבִּרְכוֹתֶיךָ, פיל אָן אונזערע הענד פון דיינע בְּרָכוֹת און שיק ברכה והצלחה אין אַלע אונזערע מעשים — באַשעפטיגונגען, דאָס מיר זאָלען זיך און אונזער פאַמיליע קענען שפייזען בכבוד מיט עהרע און מיר זאלען קענען אונזער ליבע פאמיליע זאָל לעבען מגדל זיין אויפהאָדעווען פאר גאָר גוטע, גע-לערנטע און ליבזאַמע, ערנסטע אידען, אַזוי ווי דאָס אידישע געזעץ און אידישע פאָלק ווינשט. מיר זאָלען קאָנען האַלטען שבת און יום טוב ווי עס ברויך צו זיין מיט שִׂמְחָה פרייד. און קאָנען פיהרען אונזערע היימען כשר און מיר זאָלען זעהען נַחַת, פערגעניגען ביי אונזערע קינדער. און דאָס אונזערע קינדער זאָלען אונז טריי זיין און אָבגעבען כבוד און אַז אונזערע קינדער זאָלען בלייבען אידען — טריי צו דער אידישער אמונה, טריי צו דער הייליגער תורה און טריי און ערענסט צו דעם כלל ישראל. און דאָס עס זאָל זיין אהבה און שלום — ליבשאַפט און פרידען — צווישען מיר און מיין מאַן און אונזערע

we may not have to depend upon mortals for our livelihood. For Thou feedest and supportest all living things in the world, big and small alike.

I further beseech Thee, bestow upon us thy felicitations and may prosperity and happiness attend all our undertakings, so that we may live in plenty and be able to raise our children in peace and without worry, and bring them up as pious, learned and good Jews in conformity with our wishes and in keeping with the laws of the Holy Torah. That we may observe the Sabbath and holidays in a proper manner and joyfully. That we may observe the dietary laws in our homes and see our children well established on a firm basis. That our children may remain devoted to us, loyal to the Jewish people, true to the teachings of the Holy Torah and faithful to the congregation of Israel. That there may prevail love, peace and harmony between me and

קינדער. און דאָס אונזער היים זאָל זיין אַ פרייליכע היים פאַר אונז, פאַר אונזער הויזגעזינד, פאַר אונזערע אייגענע און פאַר אונזערע פריינד און בעזוכער און פאַר אן אָרימע און נויטבעדערפטיגען אידען.

אָנָא הַשֵּׁם — הייליגער ג-ט, אַזוי ווי מיר געהן יעצט בענשען דעם נייען חודש, וואָס וועט זיך אָנהייבען אין דר וואָך, וואָס קומט צום גוטען און אַזוי ווי די לְבָנָה וועט זיך פריש בענייען, זאָל זיך אונזער מזל און הצלחה — גליק בענייען צום גוטען פון היינט אָן דעם חודש און אַלע חדשים פון אַ גאַנץ יאָהר און פון אַלע יאָהרען, וואָס קומען צום גוטען. מיר זאָלען אַלע זיין געזונד און פריש און קיין שום שלאַפקייט און קראַנקהייט, וואָס הייסט אַסְכָּרָה, וואָס טויט און מאַכט קראַנק חלילה קליינע קינדער זאָל חלילה ניט פאָרקומען ניט ביי אונז און ניט ביים כלל ישראל, אפילו אויך ניט ביי די ניט אידישע פעלקער.

און די שוואַנגערע פרויען זאָלען לייכט איבערקומען די שוואַנגערשאַפט צייט און זאָלען צו דער פולער צייט גרינג געבעהרען די בייביס און די קינדער און די מאַמעס זאָלען זיין געזונד און מוטיג,

my husband and our children. That ours may be a happy home for us, our household, our friends and guests, and for all needy and indigent Jews.

Holy G-d, I pray to Thee, on the occasion of the new moon, may our fortune be renewed to bring us prosperity and success for the next month and the succeeding months of the year. That we may all be well, healthy and robust. That we may not be afflicted with any of the maladies that attack small children or adults.

May G-d give us all, Jew and non-Jew alike, protection from any evil whatsoever. May the woman with child pass the period of her ordeal without any mishap. And may the labors go through smoothly without undue pain and suffering. May the mother and baby be healthy and vigorous. May the holy angels prevent and shield them from any harm whatsoever. May the parents be able to bring up

און די בייביס זאַלען זיין ענטוויקעלט שעהנע, געזונטע און קליגע. און דיינע הייליגע מַלְאָכִים זאַלען זיי פון אַלעם שלעכטען חלילה אויסהיטען. און די עלטערען זייערע זאַלען זיי אויפהאָדע-ווען גרינג און מיט פערגעניגען אויף דעם אידישען וועג.

אָנא השם — איך בעט דיך, ערבאַ-רעמדיגער ג-ט, אויך פאַר מיינע ליבע טרייע עלטערען ווי אויך פאַר די ליבע עלטערען פון מיין ליבען מאַן זאַל לעבען, וואָס האָבען אונז מיט צערט-ליכקייט אויפגעהאָדעוועט און פאַר אונזערע ליבע קרובים — פאַרוואַנדטע און זייערע ליבע אייגענע און פאַר אונזערע משפחות און אויך פאַר דעם כלל ישראל.

און אויב אפילו איך האָב קיין זכות ניט — געדענק און רעכען דעם זכות פון אונזערע הייליגע פאָטערס אברהם יצחק ויעקב און אונזערע הייליגע מו-טערס שרה רבקה רחל ולאה און די צוועלף שבטים און אויך אין דעם זכות פון דעם כלל ישראל, וואָס האָבען שוין אַרויסגעוויזען אַזוי פיל מְסִירַת נֶפֶש און קִידוּש הַשֵם — אָפפערוויליגקייט, פאַרגיב אונז אַלעמען אונזערע עבירות אין ראֹש חוֹדֶש, וואָס איז געגעבען

the baby in happiness and joy and lead him in the path of true Judaism.

Holy Father, I beseech Thee, even though my own conduct has not merited any reward, remember the merits of our pious fathers, Abraham, Isaac, Jacob, and our virtuous mothers Sarah, Rebecca, Rachel and Leah, and the twelve tribes. Listen to my prayer also for the sake of the people of Israel who, on many occasions, displayed self sacrificing devotion for the sanctity of Thy name.

Pardon all our sins on the occasion of the moon that is said to come to expiate for our sins. May there come a thorough salvation for our people, and may the people of Israel be redeemed and returned to our holy land in peace and security through the coming of the Messiah.

I promise, G-d willing, to donate tomorrow, according to my ability, to yeshivas and institu-

געוואָרען לְכַפָּרַת עָוֹן, צו פערגעבען זינד, און עס זאָל שוין זיין די גאולה שלימה, אַ פאָלשטענדיגע ערלייזונג, און עס זאָל געבויעט ווערען די אידישע לאַנד מיט ברייטקייט און פרידען און זיכערקייט, דורך דעם הייליגען מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד.

איך וועל מיט ג-ט זיין הילף בְּלִי נֶדֶר מאָרגען געבען אַ נדבה אין דער פושקע פאַר ישיבות און תלמוד תורות — בעט איך דו זאָלסט אָנעמען מיין געבעט. אמן זאָל אַזוי זיין דיין ווילען.

tions of Hebrew learning — I therefore supplicate Thee, to accept my prayer favorably. Amen. And may thus be Thy holy will.

„יזכור"

מזכיר נשמות

„יזכור" זאָגט מען 4 מאָל אַ יאָהר — דעם 8-טן טאָג פּסח, (אחרון של פסח), דעם 2-טן טאָג שבועות, יום כפּור, און שמיני עצרת — נאָך דעם ליינען. „יזכור" מיינט, אַז מען בעט פאַר די פאַרשטאָרבענע עלטערן אָדער אַנדע-רע קרובים — נאָך דעם ווי עס איז שוין פאַריבער געגאַנגען 12 מאָנאַטען נאָך זייער טויט. מען זאָגט אויך „יזכור פאַר די, וואָס זענען געה'רג'עט געוואָרען אין די מלחמות ווי אויך פאַר די טויזנטער און מיליאָנען נשמות. וואָס זענען געה'רג'עט געוואָרען דורך די רשעים-נאַצים-אַנטיסעמיטען און אין פּאָ-גראָמען אָדער שלעכטע גזירות ג-ט בעהיט אויף ווייטער חלילה.

בעפאָר מען הויבט אָן די תּפילה „יזכור" זאָגט מען די פאָלגענדע גע-בעט.

אבי שבשמים — מיין פאָטער אין הימעל, רבונו של עולם — הער פון דער וועלט, וואָס דו האָסט בעשאַפען דעם ערשטען מענש אדם הראשון פון שטויב פון דער ערד, און האָסט בע-שאַפען די ערשטע פרוי זיינע, חוה'ן,

A MEMORIAL PRAYER FOR THE DEAD

"Yizkor"

YISKOR is recited four times a year — the eighth day of Passover, the second day of Shovuoth, Yom Kippur, and Shemini Atzereth (the eighth day of Succoth). Yizkor is said following the reading of the Torah section. It should be remembered that the prayer for the dead is recited only after the lapse of twelve months from the death of the relative thus to be commemorated. Yiskor is also recited for the fallen in the wars as well as for those thousands and millions killed by the Nazi murderers or in pogroms perpetrated by anti-semites; also for victims of governmental evil decrees. May G-d save us from same in the future.

Prior to reciting Yiskor it is appropriate to say the following prayer:

O Father in heaven, Ruler of the universe. Thou has formed

פון זיין אייגענעם קערפּער און האַסט אין זיי אריינגעגעבן אַ לעבענס גייסט, אַ נשמה פון דיין הייליגען כִּסֵא הַכָּבוֹד — אֲחֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל, אַ פאַרבינדונג טייל פון דיין אייביגקייט. און זינט דאַמאָלסט ווערט דער מענש געבוירען נאָך דיין רָצוֹן, דיין ווילען דורך׳ן מענש. אָבער דער וויכטיגסטער טהייל פון פון מענש. זיין לעבען-גייסט, די נשמה, קומט פון דיר אליין; אַזוי ווי די שפּער פון תַּלמוּד זאָגען: שְׁלֹשָׁה שׁוּתָּפִים בָּאָדָם: דריי פּאַרטנער זענען בעטייליגט אין דעם באַשאַפונגס-פּראָצעס פון דעם מענש, אָבער אַלעס איז אָבהענגיג פון דיר אַליין, ג-ט. די ענטוויקלונג פון דעם קערפּער-טהייל, די ענטוויקלונג פון דעם פערשטאַנד און אַלע גייסטיגע כוחות, מיט דעם צוגאָב פון דער הייליגער נשמה.

און ווען דער מענש שטאַרבט צושיידען זיך אַלע טהיילען פאנאַדנדער יעדער געהט אַוועק צו זיין אָרט: דעם קערפּער לייגט מען אין קֶבֶר און ער ווערט צוריק ערד און שטויב — מיטן אויסנאַם פון איין קליין ביינדעלע, וואָס הייסט „נִסְכוּ“ אָדער „לוז“, וואָס דאָס ווערט קיין מאָל ניט פאַרפוילט און געהט ניט צו גרונט. און פון דעם קליינעם ביינדעלע וועט דער מענש ווידער

the first man Adam of dust from the ground and hast created the first woman Eve out of his body and hast breathed into them the breath of life, a holy spirit from Thy throne of glory. And since then man is created by man through Thy will. But the most important part of our being, our soul, comes from Thee alone. As the Talmudical sages say: Three partners are engaged in the creation of man: the development of the body, the gradual unfolding of his mental capacities and the presence of the holy soul. But everything depends on Thee.

And when a man dies these parts separate from one another. Each returns to its former place. The body is placed into the ground, where it becomes dust again (with the exception of one tiny bone called "Looz" which never rots or vanishes. And this tiny bone is, with the coming of our Messiah that heralds the resurrection, reshaped into a

אויפגעבויעט און בעשאַפען, אין זעלבען געשטאַלט ווי ער האָט אויסגעזעהן ביי זיין לעבען אין דער צייט פון „תּחית המתים", נאָך דעם סוף פון דעם גלות, ווען אונזער ריכטיגער און ווארהאַפטי-גער משיח צדקנו וועט קומען — זאָל עס זיין אין אונזערע צייטען. און די היילינע נשמה געהט צוריק אין איהר היילינען פלאַץ פון וואַנען זי איז געקומען געוואָרען.

וואויל איז דעם מענש, וועלכער האָט ביי זיין לעבען געטאָהן מעשים טובים, גוטע זאַכען און געשטיצט די היילינע תורה און געגעבען צדקה און ערפילט זיין פליכט וועגען וואָס ער איז בע-שאַפען געוואָרען — יענע נשמה קומט גלייך נאָך איהר אָבלעבען צו איהר ער-שטען אָרט פון וואַנען זי איז געקומען. עס איז איהר דער וועג ניכט פער-שטעלט און זי ווערט ניט צוריקגעהאַל-טען פון קיינעם. אין געגענטהייל: די היילינע מלאָכים געהן איהר אַנטקעגען און גיבען איהר אַ פריילעכע אויפנאַה-מע און ברייננען זי גלייך פאַר דיר, ג-ט, פאַרן העכסטען געריכט. און דו, ג-ט, פרייסט זיך מיט איהר ווי אַ פאָטער פרייט זיך מיט זיין טהייער קינד, וואָס ער האָט שטאַרק ליב.

וואויל און גוט איז יענער נשמה. צו

human body that assumes the appearance man had when he was alive). The holy spirit goes back to its holy place whence it came.

Happy is the one who, during his lifetime, committed good deeds, studied the Torah himself supported Talmudical students, contributted to charitable institutions or to needy individuals, and generally discharged himself honorably and decently. The soul of such a person goes straight to heaven. The road to celestial happiness is barred by none and nothing. On the contrary, the holy angels give such a soul a jubilant reception, introducing it immediately to G-d, before His highest tribunal. And Thou, G-d, art delighted to receive the soul as a father is happy with his child whom he loves dearly.

How happy is that soul! Its joy is beyond comparison, when the angels carry and seat it in heaven in the pleasant company

איהר פערגעניגען איז גאָר קיין גלייכען ניטאָ, ווען מען פיהר זי און בעזעצט זי אין גן עדן אין דער אַנגענעהמער געזעלשאַפט פון פרומע און הייליגע צַדִיקִים און צִדְקָנִיוֹת.

אָבער עס שטעהט דאָך „אֵין צַדִיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טוֹב וְלֹא יֶחֱטָא״: עס איז ניטאָ אַזאַ פרומער מענש, וואָס זאָל זיך פיהרען לויט דער הייליגער תורה און טאָהן כסדר נאָר גוטס, מַעֲשִׂים טוֹבִים, און ער זאָל קיין מאָל ניט זינ-דיגען.

דורך די זינד ווערט פערשטעלט און און פערצוימט דער וועג צום גן עדן. דער מענש קען ניט קומען צו זיין הייליגען און פערגעניגענדען פלאַטץ אין גן-עדן, ביר ער קומט ניט אָב זיין שטראָף, וואָס ווערט איהם געאורטיילט.

איינער קאָן אויך אויפגעריכט ווערען און קומען אין גן-עדן אריין דורך דעם, וואָס זיינען קינדער אָדער פריינט אָדער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, די, וואָס זיצען און לערנען אין ישיבות, זאָגען פאַר זיין נשמה קדיש און לערנען משניות און טוען פאר זיין נשמה וועגען גוטע מעשים און גיבען צדקה אין זיין נאָמען.

אויך קאָן אַ מענש געהאָלפען ווערען,

of all the pious and sainted men and women.

However, it is well known that there has never been a godly man who has always acted in conformity with the precepts of the Torah without once deviating from its course. And so, through our sins the path to heaven is blocked and barred. Man can not come to his holy and joyous place in heaven until he goes through the purgatory, that is until he receives his punishment, that acts as an atonement for his sins.

On the other hand, salvation to the soul may come as a result of the daily saying of the **Kadish;** or the daily study of a section of the Oral Law (Mishnaoth) that the children or relatives of the deceased; also Talmudical students are engaged in for the soul's sake. Another way is through contributing to charity and the commission of other noble deeds, on the part of the

ווען ער האָט איבערגלאָזט אַ געלד־פאָנד, פון וועלכען נויטבאַדערפטיגע מענשען אָדער וואָלטהעטיגע אַנשטאַלטען געניסען פון דעם פאָנד.

הייליגער ג-ט, דו ביזט דאָך אַ בַּעל הרחמים וחסד; דאָס הייסט, דו ערוועקסט דיין דערבאַרעמקייט און גענאָד אין די טעג, וואָס אונזערע הייליגע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה האָבען איינגעשטעלט דאָס מען זאָל מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת זיין, דערמאָנען די פערשטאָרבענע נשמות און בעטען פאַר זיי — אין פֶּסַח, שבועות, יום כפור, און שְׁמִינִי עֲצֶרֶת. זיי, די הייליגע נשמות, אַ טובה צו טאָהן און זיי ערהויבען, אַזוי אַז עס זאָל קיינער פון זיי ניט פערשעמט, פאַרשטויסען און פערפאַלען געהן אין גיהנום חלילה. און אין די טעג איז דיין רחמנות גרויס און גרייט צו בריינגען יענע נשמות צו זייער הייליגער רוה; צו דערהויבען זיי און זעצען זיי צווישען די הייליגע נשמות פון זייערע קרובים און פון אלע צַדִּיקִים און צִדְקָנִיוֹת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, די הייליגע און אויסגעלייטערטע, אין גן-עדן, יעדען יאָהר אַלץ העכער און שעהנער און שעהנער

זאָל עס זיין דיין הייליגער און

children or relatives of the deceased.

Redemption may also come if the departed left a permanent fund for benevolent purposes.

O holy Father, Thou art especially merciful and gracious in the days wherein our holy sages of blessed memory have established to recite prayers for the dead — on Passover, Shovuoth, Yom Kippur and the eighth day of Succoth. This is done to exalt the holy souls so that none of them be put to shame, forsaken and lost in hell, G-d forbid. In these days G-d's mercy is great and He is inclined to bring the souls to their holy rest, to exalt and place them among the holy souls of their relatives, alongside with all the holy and beatified men and women.

May it be Thy holy and gracious will, holy Father, blessed be Thy name, to open the fates of mercy to the souls for whose exaltation I am about to say a

רחמנות׳דיגער ווילען פון דיר, הייליגער ג-ט, געבענשט איז דיין נאָמען. עפען די טויערען פון רַחֲמָנוּת אויף די נשמות, וואָס איך וועל באַלד מזכיר-דערמאָנען זיי צו דער-הויבען זיי און צו געבען זיי אַ מְנוּחָה נְכוֹנָה, א ריכטיגען רוה-פלאַטץ.

אין דעם זְכוּת פון די תפילות, וואָס מיר זענען מִתְפַּלֵל; און בִּזְכוּת דיין הייליגער תורה, וואָס מיר עהרען און שעצען טהייערער פון אַלעס; און אין דעם זכות פון צדקה, וואָס מיר פאַר-פליכטען זיך צו געבען פאַר ישיבות און תַּלְמוּד תּוֹרוֹת און אַנשטאַלטען פון יְתוֹמִים און יְתוֹמוֹת און מוֹשַׁב זְקֵנִים און פאַר נויטבאַדערפטיגע מענער און פרויען אין אַלגעמיין. — קוק זיך צו צו אונזערע געוויינען און געבראָכענע הער-צער; הער זיך צו צו אונזערע געבע-טען און צו די תפילות און טרערען פון דעם כלל ישראל, וואָס ווערען היינ-טיגען טאָג פאַרגאָסען אין די שוהלען און בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אין דער גאַנצער וועלט. —

פאַרנעהם אויך מיין געבעט — כאָטש איך אַליין בין עס ניט ווערט — אין דעם זכות, וואָס איך שליס מיך אָן אין די תפילות פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, וואָס דו אַליין ווייסט זייער חַשִׁי-

prayer to obtain for them a glorious rest.

In the merit of the prayers that we say; in the merit of Thy holy Torah we revere and esteem above everything else; and in the merit of the donation that we take upon ourselves to give for Hebrew schools and yeshivahs, for orphanages and homes for aged, and for needy and indigent in general—I pray to Thee that Thou mayest look down upon our tears and broken hearts; that Thou mayest listen to our prayers and those of the entire people of Israel that are being tearfully said today in the synagogues and houses of worship wherever Jews reside. Hearken to my prayers - if not for my own sake—for the sake of my determination to join in prayer with the entire Jewish people whose importance Thou hast recognized right along and of whom Thou art proud. I beseech Thee,

בוּת-וויכטיגקייט און דו אליין בערימסט זיך מיט זיי אַזוי ווי עס שטעהט „יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאֵר" מיין פאָלק אידען, וואָס איך בערִיהם זיך מיט דיר — בעט איך דיך דו זאָלסט געבען אַ גוטען פּלאַטץ און אַ גוטע געזעלשאַפט אין גן-עדן צו די אַלע נשמות, וואָס האָבען נאָך ביז היינט ניט גענוג אָבגעקומען און מוזען נאָך ליידען די שווערע שטראָף אין גהינום.

בעזאָנדערס בעט איך דיך פאַר די נשמות פון מיינע ג-ט זעליגע עלטערען און קרובים — פאָטער און מוטער, שווער און שוויגער, זיידעס און באָבעס (אַן אלמנה זאָגט: פאַר די נשמה פון מיין ג-ט זעליגען מאַן, זאָל האָבען אייביגע רוה. אין אַלגעמיין זאָגט די פרוי דעם נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם אין יעדען ספּעציפישען פאַל באזונדער.), פאַר וועלכע איך וועל באַלד זאָגען „יזכור"

מיינע שלעכטע מעשים און זינד זאָלסטו, באַרעמהערציגער ג-ט, ניט צו-רעכענען אויפן חֶשְׁבּוֹן פון די נשמות פון מיינע עלטערען, וואָס האָבען מיר געבראַכט אויף דער וועלט. מיינע זינד זאָלען חלילה ניט זיין אַ צוריקהאַלט פאר זייערע נשמות זיי זאָלען ניט קע-נען ג-ט בעהיט קומען צו זייערע פאַ-

give a glorious place, among the holy and pious, to all those souls who have not as yet atoned fully for their sins and are still enduring the tortures of hell.

I beseech Thee especially, have mercy on the souls of my parents and relatives, grandparents and in-laws; may they rest in peace (a widow says: my husband, may he rest in peace. In general, one mentions the name of the relative as it fits in each particular case), for whose redemption I shall presently say Yiskor.

O Merciful, do not ascribe my evil deeds and sins to the account of the souls of my parents, who gave me life. Do not suffer my sins to be a barrier to these souls to prevent them from taking their proper place among the sainted in heaven and enjoying the eternal bliss which is beyond the conception and un-

סענדע פלעטצער אין פאַסענדע געזעל-שאַפטען אין גן-עדן, און שעפּען פער-גניגען פון דעם גייסטיגען גענוס, וואָס אַ לעבעדיגער מענש קען דאָס גאַר ניט פאַרשטעהן און ניט בעגרייפען. אין געגענטהייל, אין זכות פון אונזערע מַעֲשִׂים טוֹבִים און צְדָקָה און תפילה זאָלסטו צורעכנען צו דעם חשבון פון די, פאַר וועלכע איך וועל זאָגען „יזכור״ דאָס זיי זאָלען דערהויכט און דער-הויבען ווערען אין גַן-עדן. אמן.

און איהר, הייליגע נשמות, וואָס מיר בעטען פאַר אייך און וועלען געבען צדקה פון אייערט וועגען — בעטען מיר אייך איהר זאָלט אויך אין אונז ניט פערגעסען. איהר זאָלט ניט פער-געסען אייערע קינדער (דאָ דאַרף יעדע פרוי דערמאָנען דעם נאָמען פון לעבעדיגען קרוב ווי אַ טאָכטער, שוועסטער, און אזוי ווייטער, ווי דער געגעבענער פאל פאָדערט) אַזוי ווי מיר פערגעסען ניט אין אייך.

טהייערע נשמה פון מיין מוטער (אָדער פאָטער אָדער ביידע) איך בין דיין (אייער) טאָכטער, וואָס דו (איהר) האָט געלאָזען צוריק אויף דער וועלט, וואָס דו (איהר) האָסט (האָט) אויפגעצויגען, און געהאָ-דעוועט מיט מאַטערניש, מיט צער, מיט געוויין און מיט טרערען. אַזוי ווי דו

derstanding of a mortal.

Make a reckoning, O G-d, only of our benevolent deeds and actions and add these to the account of the souls for whose sake I am about to say Yiskor for their exaltation in heaven. Amen.

And you, sainted souls, for whose sake we give charity and for whose redemption we pray, we beseech you that you remember us your children and relatives (the name of each relative, as daughter, sister, etc., according to each particular case, should be mentioned) as we remember you.

Dear soul of my mother (or father or both, as the case may be) I am your daughter that you reared, raised and took care of with so many hardships and tears. As you have weighed, measured and watched over me painstakingly so may you remember your daughter (pronounce your name) and (if mar-

(איהר) האָסט (האָט) געמאָסטען און געוואויגען און געקוויקט זיך מיט מיר און האָסט (האָט) פון מיר ניט ארונטער־געגומען דיין (אייער) בליקען — אַזוי זאָלסטו (זאָלט איהר) היינט אויך גע־דענקען אין מיר (דאָ זאָגט מען דעם איי־גענעם נאָמען) אייער טאָכטער און אין מיין ליבען מאַן זאָל לעבען (דאָ זאָגט מען דעם נאָמען פון דעם מאַן און דעם נאָמען פונזיי ן מאמע) (אויב עס זיינען דאָ קינדער — זאָל מען אויסרעכענען דעם נאָמען פון יעדען קינד) דו זאָלסט (איהר זאָלט) זיין פאַר אונז אַלעמען גוטע מליצים און מיהער פאַר הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ. דו זאָלסט (איהר זאָלט) בעטען דעם איינציגען און הייליגען ג־ט, דער וואָס איז פול מיט רחמנות, ער זאַל אונז ניט בעהאַנדלען נאָך אונזערע מעשים, ניט ווי מיר האָבען פערדינט, נאָר מיט גנאָד און באַרעמהארציגקייט. ער זאָל אונז פער־געבען אונזערע זינד, און אונזערע תפי־לות זאָלען אָנגענומען ווערען. ער זאָל אונז העלפען אַלע מאָל ווען מיר וועלען בעדאַרפען הילף (אין ראש השנה און יום כפור זאָגט מען: ער זאָל אָנשרייבען און חתמ׳נען אין די ביכער צו לאַנג לעבען און אַ גליקליך לעבען) ער זאָל אונז דערלענגערען די יאָהרען צוזאַמען מיט אונזערע ברידער און שוועסטער און

ried) my husband (pronounce name of husband and name of his mother) and (if there are children) my children (mention name of each child). Give a good account of our actions and intercede in our behalf before G-d, blessed be His name, that He, kindhearted as He is, treat us with mercy and grace and not judge us according to our deeds; that He pardon our sins and receive our prayers favorably; that He may help and protect us whenever we are in distress (on Roshashono and Yom Kippur say: that He may inscribe and seal our names in the book of life, happiness and prosperity); that He may lengthen our years together with our brothers and sisters and other relatives and friends; that our lives may not be cut off prematurely; that our children may not remain orphans and thrown upon the mercy of strange people to raise and maintain them; (if married,

אונזערע קרובים און אונזערע גוטע פריינד; מיר זאָלען חלילה ניט אַוועק-גריסען ווערען פאַר דער צייט יונגער-הייט. אונזערע קינדער זאָלען חלילה ניט בלייבען יתומים און זאָלען ניט דאַרפען זיך האַדעווען ביי פרעמדע מאַמעס אָדער עסען ביי פרעמדע טישען און זיך געפינען אין פרעמדע היימען. און איך זאָל אויך קיין אלמנה ניט בלייבען חלילה. אונזער גליק און וואויל-זיין זאָל ניט געענדערט ווערען צום שלעכטען חלילה. מיר זאָלען ניט ווי-סען חלילה פון קיין קלאַג און פון קיין בראָך; פון קיין ווייטאָג און קראַנקהייט. עס זאָל פון אונזער הויזגעזינד קיינער ניט פעהלען חלילה

און דו, דערבאַרעמדיגער ג-ט, וואָס דו ביזט אַבי יתומים ודיין אלמנות, דער פאַטער פון אַלע יתומים און דער ריכ-טער פון די אלמנות — בעשיץ זיי, הייל זיי זייערע געבראָכענע הערצער און גיב זיי קרעפטען, ברכה און הצלחה און אַ גוטע פרנסה בכבוד און מיט יושר. זיי זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען צו פרעמדע מענשען און פערשעמט ווע-רען. און איך מיט מיין מאַן און אונזער הויזגעזונד זאָל השם יתברך געבען אַ גוטע, גרינגע, פרייגיביגע פרנסה בכבוד אָן שאַנד; און מיר זאָלען דערלעבען

add: that I may not become a widow); that our good fortune may not be changed to the worse; that we may not know of any sorrow and trouble whatsoever.

O G-d, Thou art the Father of all orphans and the Judge of all widows - protect them, heal their broken hearts and hasten to their rescue whenever they are in distress; bestow upon them strength, material security and happiness. Sustain them in an honorable way that they may not be exposed to shame and dependent upon others.

And may I and my family be granted an easy and generous sustenance from Thy own hand that we may be able to lead our children in the pathway of righteousness, morality and decency, as it befits a good Jew; that our children may not be misled by bad company and evil-minded people.

צו אויסהאָדעווען אונזערע קינדער אויף דעם אידישען וועג, זיי זאָלען זיין פרום און ערליך, ערענסט צו ג־ט און צו מענשען און זאָלען חלילה ניט פערפירט ווערען דורך דעם יצר הרע אָדער פון שלעכטע מענשען און שלעכטע געזעלשאַפט.

און אין דעם זכות פון אונזערע הייליגע אָבות אברהם, יצחק, ויעקב און אין דעם זכות פון אונזערע הייליגע מוטערס שרה, רבקה, רחל און לאה; און אין דעם זכות פון די נשמות פון אַלע צַדִיקִים וְצִדְקָנִיוֹת זאָלען מיר דערלעבען צו דער גאולה שלימה, אַ פולשטענדיגע ערלייזונג, און געהן מיט שמחה און פרייד אין אונזער הייליגען לאַנד ארץ ישראל צו זעהן דאָס צונויפנעהמען פון אַלע אידען אין גלות און דאָס אויפבויען פון דעם בית המקדש און תחיית המתים אין אונזערע צייטען, און שלום פאַר דער גאַנצער וועלט אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן — אַזוי זאָל זיין דיין הייליגער ווילען.

And for the sake of our holy fathers, Abraham, Isaac and Jacob and our holy mothers Sarah, Rebecca, Rachel and Leah; as well as the sainted men and women of past generations — may we be worthy to see the end of the Diaspora and the gathering of all Jews in our holy land Eretz Israel; may we live to see the creation of the Third Temple and the coming of the Messaiah, the righteous, which will be followed by the Resurrection of the dead. May there reign peace throughout the world. Amen. May thus be Thy holy will.

אַ ברכה ווען מען קומט אויפן בית
עלמין נאָך דרייסיג טעג

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר יָצַר אֶתְכֶם בַּדִּין וְזָן אֶתְכֶם
יָצְרָתָ אֶת כָּל אֵלּוּ בַּדִּין וְזַנְתָּ אוֹתָם בַּדִּין וְהֵמַתָּ אוֹתָם בַּדִּין וְיָדַעְתָּ מִסְפַּר כֻּלָּם בַּדִּין וְעָתִיד אַתָּה לְהַחֲזִיר וּלְהַחֲיוֹתָם בַּדִּין.
בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ מְחַיֵּה הַמֵּתִים:

אַתָּה גִּבּוֹר לְעוֹלָם אֲדֹנָי מְחַיֵּה מֵתִים אַתָּה רַב לְהוֹשִׁיעַ: מְכַלְכֵּל חַיִּים בְּחֶסֶד מְחַיֵּה מֵתִים בְּרַחֲמִים רַבִּים סוֹמֵךְ נוֹפְלִים וְרוֹפֵא חוֹלִים וּמַתִּיר אֲסוּרִים וּמְקַיֵּם אֱמוּנָתוֹ לִישֵׁנֵי עָפָר. מִי כָמוֹךָ בַּעַל גְּבוּרוֹת וּמִי דוֹמֶה לָּךְ מֶלֶךְ מֵמִית וּמְחַיֶּה וּמַצְמִיחַ יְשׁוּעָה. וְנֶאֱמָן אַתָּה לְהַחֲיוֹת מֵתִים: עַל כָּל זֶה אֲנַחְנוּ חַיָּבִים לְהוֹדוֹת לְךָ וּלְיַחֵד אֶת שִׁמְךָ הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא. אֵין כְּעֶרְכְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְאֵין זוּלָתְךָ מַלְכֵּנוּ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. אֶפֶס בִּלְתְּךָ גּוֹאֲלֵנוּ לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ וְאֵין דּוֹמֶה לְּךָ מוֹשִׁיעֵנוּ לִתְחִיַּת הַמֵּתִים:

PRAYER TO BE RECITED ON ENTERING THE CEMETERY

(By one who has not visited it for thirty days)

Blessed art Thou, O Lord our G-d, King of the universe, who hast created all these in justice, who hast supported them in justice, who hast caused them to die in justice, who knowest the number of all of them and who are prepared to resuscitate them in justice. Blessed art Thou, O Lord, who revivest the dead.

Thou, O Lord, are mighty for ever, thou revivest the dead, thou art mighty to save. Thou sustainest the living with loving kindness, revivest the dead with great mercy, supportest the falling, healest the sick, freest the bound, and keepest thy faith to them that sleep in the dust. Who is like unto thee, Lord of mighty acts, and who resembleth thee, O King, who orderest death and restorest life, and causeth salva-

tion to spring forth? Yea, faithful art thou to revive the dead.

For all this, it is our duty to thank thee and to consecrate Thy great, mighty and revered name. There is none to be compared unto thee, O Lord our G-d, in this world, neither is there any beside Thee, our King, in the life of the world to come; there is none but Thee, O our Redeemer, in the days of the Messaiah; neither is there any like unto thee, O our Saviour, for the resurrection of the dead.

סֵדֶר הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת

פיר דעם פאטער

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אַבָּא מוֹרִי (name) שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ, בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בַּעֲדוֹ. בִּשְׂכַר זֶה תְּהֵא נַפְשׁוֹ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה, וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן. וְנֹאמַר אָמֵן.

Yiskor elohim nishmas abo moree (name) sheholach leolomo, baavur sheanee nodeir zdokoh baado, bischar zeh t'hey nafsho zruroh bitzror hachayim im nishmos Avrohom, Yitzchok ve'Yaakov, Soroh, Rivkoh, Rocheil ve'-Leyo, v'im sh'or zadikim vezidkonios sheb-gan Eden, venomar omain.

For the Father:

May God remember the soul of our honoured father (name) who is gone to his repose; for that, I now solemnly offer charity for his sake, in reward of this, may his soul enjoy eternal life, with the souls of Abraham, Isaac and Jacob; Sarah, Rebecca, Rachel and Leah, and the rest of the righteous males and females that are in Paradise; and let us say, Amen.

פאר דער מוטער

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אִמִּי מוֹרָתִי (name) שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ, בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בַּעֲדָהּ. בִּשְׂכַר זֶה תְּהֵא נַפְשָׁהּ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה, וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן.

Yiskor elohim nishmas imi morosee (name) shehol'cho leolomoh, baavur sheanee nodeir zdokoh baadoh, bischar zeh t'hey nafshoh truroh bizror hachayim im nishmas Avrohom, Yizchok ve'Yaakov, Soroh, Rivkoh, Rocheil ve'Leyo, v'im sh'or zadikim vezidkonios sheb'-gan Eden, venomar omain.

For the Mother:

May God remember the soul of our honoured mother (name) who is gone to her repose; for that, I now solemnly offer charity for her sake; in reward of this, may her soul enjoy eternal life, with the souls of Abraham, Isaac and Jacob; Sarah, Rebecca, Rachel and Leah, and the rest of the righteous males and females that are in Paradise; and let us say, Amen.

לזכר:

אֵל מָלֵא רַחֲמִים, שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים, הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה, בְּמַעֲלוֹת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, כְּזֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים, אֶת נִשְׁמַת (פב״פ) שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ, בַּעֲבוּר שֶׁנָּדְבוּ צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתוֹ, בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתוֹ. לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֵהוּ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ, יְיָ הוּא נַחֲלָתוֹ וְיָנוּחַ בְּשָׁלוֹם עַל מִשְׁכָּבוֹ, וְנֹאמַר אָמֵן.

El mole rachmim, shochen bamromim, hamzeh menucho nechono al kanfey hashchino, bemaalos k'doshim ut'horim, kesohar horokeea mazhirim, es nishmas (name) sheholach leolomo, baavur shenodvoo zdokoh b'ad haskoras nishmoso, b'gan eden t'hey m'nuchoso. locheyn baal horachmim yiastireyhoo beseser k'nofov leolomim ve'yizror bizror hachayim es nishmoso, Adonoy hoo nachloso, ve'yonuach besholom al mishkovo, venomar omain.

לנקבה:

אֵל מָלֵא רַחֲמִים, שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים, הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה, בְּמַעֲלוֹת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, כְּזֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים, אֶת נִשְׁמַת (פב״פ) שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ, בַּעֲבוּר שֶׁנָּדְבוּ צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתָהּ, בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתָהּ, לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֶהָ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתָהּ, יְיָ הוּא נַחֲלָתָהּ וְתָנוּחַ בְּשָׁלוֹם עַל מִשְׁכָּבָהּ, וְנֹאמַר אָמֵן.

El mole rachmim, shochen bamromim, hamzeh menucho nechono al kanfey hashchino, bemaalos k'doshim ut'horim, kesohar horokeea mazhirim, es nishmas (name) sheholcho leolomoh, baavur shenodvoo zdokoh b'ad haskoras nishmosoh, b'gan eden t'hey m'nuchosoh, locheyn baal horachmim yiastiroh beseser k'nofov leolomim ve'yizror bizror hachayim es nishmosoh, Adonoy hoo nachlosoh, vesonuach besholom al mishkovoh, venomar omain.

אל מלא רחמים גאט ב״ה וואס ער איז פול מיט דער **בארימקייט** **ש**רוקט אין הימיל מאך גרייכן ארעכט רואונג אויף **דעם באשיצונג** פון דער שכינה מיט הייליגע און ריינע מעלות אזוי ווי דאס **לויטערקייט** פון הימיל זאל לייכטן די נשמה פון מיין מוטער (פב״פ) וואס זיא איז אוועק גיגאנגען צו איר וועלט עס הייסט זי איז גישטארבין. פון וועגין וואס איך בין מנדר צדקה בשעת מען האט דער מאנט איר נשמה עס הייסט בשעת מען האט גיזאגט יזכור. איר רואונג זאל זיין אין גן עדן. דרום וועגין דר צדקה גאט ב״ה וואס ער איז איין דער בארמיגער זאל איר באהאלטין אין זיין באהעלטעניש מיט באשיצונג אויף אייביג און זאל זיין איין גיבונדין אין בגד פון אייביג לעבין איר נשמה דאס **שיינט** מען לעולם הבא. גאט ב״ה איז איר ארב. און זיא זאל רוהן אין קבר מיט שלום און דרויף וועלין מיר אלע זאגין אמן:

מי שברך ווער דא האט גיבענטשט אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב דער זאל בענטשין (ר׳ פב״פ) ווייל ער האט מנדר גיוועז **אין** דער צדקה אום ווילין די נשמות די מיר האבין היינט מזכיר **גיוועז** פאר הקב״ה און דער נאך פון דיין הייליגע תורה וועגין און דער נאך פון דעם הייליגין טאג וועגין דער היינט איז. און פאר דעם שכר **זאל אים הקב״ה היטין און באשירמען פון אלע לייד און באליידיגער**

און פון אלע קראנקהייט זאל אים הקב״ה היטין (ליום כפור און זאל אים אן חתמנן צו לעבין און צו גיזונד אין דעם יום הדין וואס היינט איז) און זאל שיקין אבענטשונג און באגליקונג אין אלע זיינע ווערק מיט כל ישראל זיינע ברידער און מיר וועלין זאגין אמן:

לזכר אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה בְּמַעֲלַת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים אֶת נִשְׁמַת (אָבִי מוֹרִי) פב"פ שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ. בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתוֹ. בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתוֹ. לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֵהוּ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ יְיָ הוּא נַחֲלָתוֹ וְיָנוּחַ עַל מִשְׁכָּבוֹ בְּשָׁלוֹם וְנֹאמַר אָמֵן:

אַל מָלֵא רַחֲמִים גָאט בָּרוּךְ הוּא וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט דֶער בַּארִימְהֶערְצִיקַייט עֶר רוּהְט אִין הִימְל מַאךְ גְרַייכְן אַיין רֶעכְט רוּאוּנְג אוֹיף דֶעם בַּאשִׁיצוּנְג פוּן דֶער שְׁכִינָה מִיט הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע מַעֲלוֹת אַזוֹ וִויא דָאס לוֹיטֶערְקַייט פוּן הִימְל זָאל לַייכְטְן דִיא נְשָׁמָה פוּן מַיין פָאטֶער (פב"פ) וָואס עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין וֶועלְט עֶס הֵייסְט עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. פוּן וֶועגְן וָואס אִיךְ בִּין מְנַדֵּר צְדָקָה בְּשַׁעַת מֶען דָאוונְט דֶער גָאט זַיין נְשָׁמָה עֶס הֵייסְט בְּשַׁעַת מֶען דָאס גֶעזָאגְט יִזְכּוֹר. זַיין רוּאוּנְג זָאל זַיין אִין גַן עֵדֶן. דְרוּם וֶועגְן דֶער צְדָקָה גָאט ב"ה וָואס עֶר אִיז אַיין דֶער בַּארְמְהֶערְצִיגֶער זָאל אִים בַּאהַאלְטְן אִין זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ מִיט בַּאשִׁיצוּנְג אוֹיף אֵייבִּיג אוּן זָאל זַיין אַיין גֶעבּוּנְדֶען אִין בּוּנְד פוּן אֵייבִּיג לֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה דָאס מֵיינְט מֶען לְעוֹלָם הַבָּא. גָאט ב"ה אִיז זַיין אַרְבּ. אוּן עֶר זָאל רוּהֶען אִין זַיין קֶבֶר מִיט שָׁלוֹם אוּן דְרוֹיף וֶועלְן מִיר אַלֶע זָאגְן אָמֵן:

לנקבה אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה בְּמַעֲלַת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים אֶת נִשְׁמַת (אִמִּי מוֹרָתִי) פב"פ שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתָהּ. בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתָהּ לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֶהָ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתָהּ יְיָ הוּא נַחֲלָתָהּ וְתָנוּחַ עַל מִשְׁכָּבָהּ בְּשָׁלוֹם וְנֹאמַר אָמֵן:

הזכרות נשמות

אויף אנדערע קרובים זאגט מען דאס:

יזכור אלהים נשמת אבי ואמי זקני וזקנותי דודי ודודותי אחי ואחיותי בין מצד אבי בין מצד אמי שהלכו לעולמם בעבור שאני נודב צדקה בעדם ובשכר זה תהיינה נפשותם צרורות בצרור החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט גידיינקען נאט די נשמה פון מיין עלטער פאטער און מוטער ברידער און שוועסטער און פעטערס און מוטעס וואס זיינען גיגאנגען אויף יענער וועלט אום ווילן דאס איך בין מנדר פון זייערט וועגן פאר דעם שכר זאלין זייערע נשמות רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און די אנדערע צדיקים די זיינען אין גן עדן און מיר ווילין זאגן אמן:

יזכור אלהים נשמת פב"פ ונשמת כל קרובי וקרובותי הן מצד אבי והן מצד אמי הן שהומתו הן שנהרגו הן שנשחטו ושנשרפו ושנטבעו ושנחנקו על קדוש השם בעבור שאתן צדקה בעד הזכרת נשמותיהם ובשכר זה תהיינה נפשותיהם צרורות בצרור החיים עם נשמותיהם של אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט גידיינקען גאט די נשמה פון דעם זעלבינן (פב"פ) און די נשמה פון אלע מיינע פריינד און די נשמה פון מיינע פריינדס פריינד סיי די וואס זיינען פון מיין פאטערס קרובים סיי פון מיין מוטערס קרובים אויך די וואס זיינען גישטארבין אויף זייער בעט און אויך די וואס נים אויף זייער בעט זאלסטו היינט גידיינקען אום ווילן מיין געבין צדקה וועגן זייערע נשמות צו גידיינקען און זאלין רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און אנדערע צדיקים די זיינען אין גן עדן און מיר ווילין זאגן אמן:

הזכרות נשמות

נאך איין פאטער זאגט מען דאס :

יזכור אלהים נשמת אבא מורי פב"ב שהלך לעולמו בעבור
שאני נודר צדקה בעדו ובשכר זה תהא נפשו צרורה
בצרור החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה
רחל ולאה ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן ונאמר אמן:

יזכור דוא זאלסט געדיינקען גאט די נשמה פון מיינעם פאטער ער
הייסט מיט זיינעם נאמען (פב"ב) דער דא איז געגאנגען אויף
יענער וועלט זאלסטו געדיינקען אים אום ווילען דאס איך בין מנדר
צדקה פון זיינעט וועגן זאל פאר דעם שכר זאל זיין נשמה רוען אין
גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה
און אנדערע צדיקים און צדקניות די זיינען אין גן עדן און מיר ווילן זאגן אמן:

נאך איין מוטער זאגט מען דאס :

יזכור אלהים נשמת אמי מורתי פב"ב שהלכה לעולמה בעבור
שאני נודב צדקה בעדה ובשכר זה תהא נפשה צרורה בצרור
החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה
ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן. ונאמר אמן :

יזכור דו זאלסט געדיינקען גאט די נשמה פון מיין מוטער זי הייסט מיט
איר נאמען (פב"ב) דאס זי איז געווארן גענומען אויף יענער וועלט
זאלסטו היינט געדיינקען אום ווילן דאס איך בין מנדר צדקה פון איר וועגן
און פאר דעם שכר זאל איר נשמה רוען אין גן עדן מיט די נשמות
פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און אנדערע צדיקים און
צדקניות די זיינען אין גן עדן און מיר ווילן זאגן אמן :

ווען מען קומט פון אַ ווייטען וועג אויף קבר אבות

(צו יעדער צייט)

איך בויג זיך אונטערטעניג אויף דעם קבר, אין וועלכען עס האָט זיךביים לעבען געפונען אַ ריינע און טהייערע נשמה און וועלכע האָט זיך צוריקגע-קערט אין דער אייביגקייט פון ג-טס הייליגען פראַכט — די ריינע און לוי-טערע נשמה, וואָס איז פאַר מיר געווען ווי אַ קרוין אויף דעם קאָפּ און דורך איהר איז מיין הויז געווען פול מיט ליכט און פרייד. וועה איז מיר! איצט איז דער טהייערער אוצר פון מיר אַוועקגענומען געוואָרען איך האָב זיך אַ לאַנגען וועג אָנגעפּלאָגט ביז איך האָב געפונען דאָס ליעבסטע פאַר מיר אין דער וועלט. צום באַדויערען האָב איך אָבער נישט געפונען, וואָס איך האָב געזוכט אויף דער פרייער ליכטיגער זון, נאָר אין דעם הייל אין דער ערד. מיין האַרץ געהט אין מיר אויס פון גרויס צער און ווייטאָג. איך בויג זיך איין צו קושען די שטיינער און די ערד פון דעם דאָזיגען הייליגען אָרט. איך בין אין גאַנצען צוטרייסעלט פון גרויס ערגערניש. מיינע אויגען זיינען שוין אויסגעטרוקענט פון וויינען. וואָס

WHEN COMING FROM A DISTANT WAY

(At any time of the year)

Here reposes the mortal part of him (her) whose soul returned to the everlasting of the Most-High to rest in the bond of life. The pure and sainted soul that was to me like a crown to the head and through whom my house had been filled with light and joy. Alas! This precious treasure has been taken away from me.

I come from a distant way to this holy place to find the most beloved person in the world. But to my great sorrow, I found what I was looking for not walking under the bright sun, but reposing in the ground here. I am languishing in sorrow and grief. I bow down to kiss the dust where my most beloved slumbers. Deep misery envelops me and I am all shaken up.

זאָל איך זאָגען? וואָס קאָן איךריידען, נאָכדעם, וואָס ג-ט האָט געטאָהן זיין מִשְׁפָּט? קיינער קאָן ג-ט קיין דעה ניט זאָגען. ער איז גערעכט און זיין מִשְׁפָּט איז גערעכט. ווייל קיין אומרעכט עקזיסטירט ניט ביי איהם.

איך בין היינט געקומען צו בעטען צו דער טהייערער נשמה, וואָס איהר קערפער רוהט דאָ. איך בעט, אַז די ביינער זאָלען דאָ רוהען אין פרידען און די נשמה זאָל ארויפגעהן צום הייליגען טראָן און ג-ט זאָל דער נשמה באַקרוינען מיט אַ קרוין פון פראַכט און גלאַנץ, אַז זי זאָל זיין דאָרט אין די לויטערקייט פון ג-טס שיין. צוזאַמען מיט אַלע צדיקים און פרומע פון דער גאַנצער וועלט זאָל די נשמה האָבען דאָס גליק אויפצושטעהן תְּחִיַּת הַמֵּתִים, ווען משיח וועט קומען און געניסען פון עוֹלָם הַבָּא.

אָנָא ה׳ איך בעט דיר, ג-ט, נעהם אָן מיין געבעט. דיין רַחֲמִים זאָל זיך פון מיר ניט אָפּטאָהן. קוק זיך איין אויף מיין פיין. איך שטעה פאַר דיר מיט אַ ביטער און צובראָכען האַרץ ווי אַן אָרימאַן ביי דער טיר, און בעט הילף. רעטע מיר, ג-ט, פון דיין צאָרען און כעס און פיהר מיר אין די וועגען פון אידישקייט. אַז איך זאָל דיר קאָנען

I know, O G-d, that Thy judgment is right, and that all things are ordered by Thee and no mortal can change your decrees. For there is no injustice with Thee. And no man born of woman can have the temerity to ask the King of kings what He does.

I have wandered hither to pray to the dear soul whose remains rest here, in peace. May his (her) soul rise to the holy throne, and may G-d surround the soul with glory and beauty, together with all the righteous and pious throughout the world. And on the Day of Redemption may his (her) soul be resurrected to enjoy everlasting Life in the next world.

I beseech Thee, G-d, accept my supplication and shield me from calamity, protect me from misfortune and help me in my distress. I am standing before Thee like a beggar to pray for

דינען און אָפּהיטען דיינע געבאָטען. שפּייז מיר פון דיין פולע און ברייטע האַנד, איך זאָל נאָך ווערט זיין צו זעהן קינדער און קינדס קינדער, וואָס זאָלען געהן אין אידישען וועג. אַז אין מיינע קינדער און קינדס קינדער זאָל זיך ניט געפינען קיין שום פעלער און איך זאָל ניט שטאַרבען מיט אַ פּלוצים׳דיגען טויט און איך זאָל נאָך דערלעבען צו זעהן דאָס אויפבויען פון בית המקדש. און אַז מיין נשמה וועט זיך פון מיר אָפּשיידען זאָל איך זיין צווישען די, וואָס פאַר זיי איז אָנגעגרייט אייביגע גוטס אויף דער אמת׳ער וועלט. און זאָלסט מיר בעשירעמען פון שלעכטען משפט און אין משיח טאָג זאָל איך זיין צווישען די הייליגע, וואָס ליגען דאָ באַגראָבען און מיט זיי צוזאַמען זאָל איך אויפשטעהן תְּחִיַת הַמֵּתִים.

לָכֵן דעריבער בין איך געקומען דאָ זיך אויסציהען אויף די קְבָרִים פון די דאָזיקע צדיקים און בעטען ביי דיר אין זייער נאָמען, אַז ג-ט זאָל מיר בעגנאַדי-גען אין זייער זכות און זאָל זיך איילען מיר צו שיקען רעטונג פון געוויטער און שטורעם. הער זיך צו צו מיין געבעט און פיהר מיר ארויס פון פינצטערניש אין ליכטיגקייט אריין. זיי מיין שוץ. און טוה אָפּ פון מיר דיין

help. Supply me and my household with all the necessities of life. Feed us from Thy generous hand, grant me honorable descendants, independent and kind children and grandchildren who will walk in Thy ways of light and truth, that my children and grandchildren may enjoy good health and be perfect in body and mind, and that I may live to the end of my days and live to see the erection of the Holy Temple. And when the time comes for me to depart this world may my soul join those for whom eternal glory in the upper world is prepared. Justify me in Thy judgment that I may rise with the holy ones on the day of Redemption.

I have therefore come to prostrate here on the graves of these saints and pray to Thee that G-d be my succor and grant me grace and send me speedily protection from the raging storms. Hearken to my supplication and

צאָרן און גיב נאָך פון דער פולער האַנד אַלע מיינע פארלאַנגען. באַציה זיך צו מיר מיט חסד און רחמים און פערלענגער מיינע יאָהרען אין גליק און נחת און מיינע פיינט זאָלען זינקען אַלץ טיפער און טיפער

און איצט זאָלען די הייליגע נשמות געהן צו זייער ליכטיגער ענדע און אויפ-שטעהן אין משיח טאָג. איך גיב זיך איבער צו דיר; ג-ט, און אַז דו ביזט מיט מיר האָב איך פאַר קיין זאַך ניט מורא. מיינע פריינדע וועלען פאַר מיר גוטס זאָגען. ג-ט וועט זיין מיין ריכטער. ער וועט הערען מיין געבעט. אמן!

(און דאַן גיט מען צְדָקָה — אַ דאָניישאָן).

lead me out of darkness into light. Be my shield. Show me kindness and love. Cause me to live a full and prosperous life. May my enemies meet with disaster.

Now let the sainted souls go to the splendor and rise on the day of redemption. I fear nothing. My friends will stand by me. G-d will be my judge. He will hearken to my prayer. Amen. (At the end of the prayer it is appropriate to give a donation.)

תפלה

צו זאָגען אויף דעם פאָטערס קבר

(צו יעדער צייט)

אין דעם דאָזיגען פינצטערען קֶבֶר רוהט דער קערפּער פון מיין זעליגען פאָטער. אַלע מיינע טהייערע אוֹצְרוֹת, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט, זיינען דאָ באַגראָבען — מיין זעליגער פטאָער, וואָס איז געגאַנגען אין דיינע וועגען פון ערלעכקייט און גאַנצקייט. זיין היי־ליגער גייסט האָט אַוועקגעשוועבט אין דער וועלט פון אייביגקייט און רוה. ג־ט. האָסט איהם איינגעוויקלט אין דיינע פליגלען אויף אייביג.

ער איז גליקלאך, וואָס זיין רוה־פלאַץ און זיין גליקזעליגקייט איז שוין מעהר ניט צווישען די שטערבליכע מענשען. אָבער מיר איז מיין האַרץ שטענדיג צעווייטאָגט. מיין אוֹצָר, וועה איז מיר, איז פון מיר אַוועקגענומען — מיין שוץ מיין שטאָלץ און דאָס ליעבסטע אין מיין לעבען איז שוין מעהר ניטאָ. איך בין איינגעבויגען און צובראָכען. איך געה תמיד ארום פאַרפינצטערט. וועה איז מיר! דאָס טהייערסטע האָב איך פאר־לוירען.

ווען ער איז געווען מיט אונז האָב איך

PRAYER TO BE RECITED ON FATHER'S GRAVE

(At any time of the year)

Here, in the darkness of the grave, reposes the body of my father. Here lies buried the precious treasure that was mine in former days — my beloved parent who walked in righteousness and piety before Thee. His holy spirit soared into the eternal life, and Thou shelterest him under Thy wings for ever.

Happy is he that his resting place and his lot are not any more among mortal beings. Gracious in the eyes of the Lord is the death of his pious ones. And now he walketh with G-d.

Because of this my heart is made sick all day long; I was deprived of my pride and my glory and the desire of my eyes and of my heart. I am bowed down and crushed to the utmost;

ניט פערשטאַנען זיין גרויסע ווערטה, און איך האָב איהם ניט געשעצט ווי עס באַדאַרף צו זיין פון אַ קינד צו אַ פאָטער. צו זיינע שטראַף-רייד האָב איך זיך ניט צוגעהערט.

איך בין מודה, אַז איך האָב געזינדיגט. און דאָ אויף דער הייליגער ערד האָב איך טאַקע חרטה אויף מיי׳נע שלעכטע טהאטען. עס איז געווען מיין פליכט אָבצוגעבען איהם כבוד ווען ער האָט געלעבט און אויך איצט ווען ער איז שוין ניטאָ צווישען די לעבעדיגע, ווייל איך בין פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיינע ביינער און ער האָט אַ גלייכען חלק אין מיין זיין דאָ אויף דער וועלט. ניט נאָר בין איך בעגאַנגען אַ פעהלער צו זיך אַליין, נאָר איך האָב אויך געזינדיגט אַנטקעגען איהם. אַנשטאָט וואָס איך האָב בעדאַרפט איהם לייטערען כדי צו דערהויבען איהם צו דעם העכסטען שטאַפּל פון גליק, וואָס איז אָנגעגרייט פאר די צדיקים, האָב איך גאָר מיינע מעשים פאַרדאָרבען און געטאָהן פאַרשיעדענע זאַכען, וואָס זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט זיין לעהרע.

אָבער איצט האָב איך זיך אַרומגעזעהן אויף מיין טעות און איך האָב חַרָטָה אויף מיינע זינדיגע מַעֲשִים. אין גרויס נידערגעשלאָגענהייט גיס איך

all day long I walk around full of grief. Alas! I have lost my dearest possession.

While he was still with us, I did not appreciate fully his worth, so that I might have loved and revered him, as is due to a father from his son. I did not listen to his words of chastisement.

Indeed, I have sinned, and here upon this holy ground I confess my sinful deeds. It was my duty to honor him during his lifetime and also at his death, for I am flesh of his flesh and bone of his bones, and he gave me life. But not only have I thereby wronged my own soul, but I have also committed iniquities against him. Instead of purifying him in order to lift him higher into the happiness reserved for the righteous, I have corrupted my deeds and have done this and that.

But now after I have bethought myself and have repented, and

איצט אויס מיין האַרץ און בעטען רחמים פון ג-ט, איך בין זעהר צעבראָכן און מיט גרויסע אַנגסטען בעט איך, אַז ג-ט זאָל מיר הערען און זאָל זאָגען: „איך פאַרגיב דיר".

איך הויב אויף מיינע הענט צום בּוֹרֵא עוֹלָם מיט געבעט און תְּפִלָּה. ג-ט, וואָס דו ביזט אַ אֵל רַחוּם וְחַנּוּן, אַ באַרעמהערציגער און וואַרטסט לאַנג און הלטסט איין דיין כעס פאַר אַ לאַנגע צייט און וואָס דיין גוטסקייט גייט איבער צו טויזענדער דורות; דו, וואָס זעהסט גלייך פון אָנהויב דעם סוף פון זאַכען — זיי נאָכגיביג צו מיר און שיינק מיר דאָס לעבען און וואַש מיר ריין פון דיין מִשְׁפָּט, ווייל איך קען פון ג-ט קיין זאַך נִיט בעהאַלטען. אויב דאָס שלעכטס זאָל מיר דערגרייכען בין איך אַ פערלאָרענער.

איך בעט דיר, באַרעמהאַרציגער ג-ט, באַזייטיג יעדער שטערעניש פון מיר, כדי איך זאָל דיר קאָנען דינען מיטן גאַנצען האַרצען. דו קענסט זעהן דורך די האַרץ פון דיין קנעכט, דיינע אויגען קאָנען קוקען אין די בעהעלטנישען פון מיין נשמה. כאָטשבי דו געפינסט זיך זעהר הויך, זעהסטו אָבער אויך אונז קליינע מענשעלאך. זיי גוט צו דיין

reflected upon my deeds and opened my eyes to my errors, I wring my hands in despair and pour my heart and my soul, and beg mercy from the Highest of the high. Perhaps G-d will hearken unto me and will say: "I have forgiven." I raise my hands in prayer and supplication to G-d, to Him who is merciful and gracious, slow to anger, keeping mercy unto the thousandth generation and foreseeing the end of things from the beginning—perhaps He will look upon me with favor and grant me life upon this earth, and clear me of my guilt, for there is no escape from the wrath of G-d, and I am afraid lest the evil overtake me and I am done for.

O Merciful G-d, cause every hindrance, to depart from me that I may serve Thee with a whole heart. Thy eyes, O Lord, can see through the heart of Thy servant and through all my secrets and innermost depths. Al-

קנעכט. ברענג מיר ניט אום פאַר דער צייט און הייל מיר שנעל אויס פון מיינע וואונדען. רעטע מיר פון יעדער צרה, פון יעדען אומגליק און פון יעדע זינד און שולד. בעשירעם מיר פון אַלע, וואָס שטעהן מיר צו טאָהן שלעכטעס און פון יעדער איבעל, וואָס קלייבט זיך אויף מיין קאָפּ.

פלאַנץ אין מיר איין ליעבע און מורא פאַר דיר און איך זאָל האָבען גנאַדע און לייטזעליגקייט און באַרעמהערציג־קייט אין דיינע אויגען און אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט. שטאַרק מיר איך זאָל דיר קענען דינען און לערנען אין אונטערשטיצען דיין הייליגע תורה. זעה, אַז איך און מיינע אייגענע זאָלען האָבען אַ ברייטע פּרנסה און אויך פאַר דער דאָזיגער צערטליכע נשמה זאָלסטו ערפילען אַלע איהרע פערלאַנגען, אַז זי זאָל קאָנען שטייגען אַלץ העכער אין די הימלישע ספערען און אַז זי זאָל אויפשטעהן צוריק ווען דער גרויסער טאָג פון משיח וועט קומען.

האר פון דער גאַנצער וועלט, וואָס דו זיצט איבער די העכסטע הימלען און וואָס דיין לויב איז איבער דער גאַנצער וועלט, זאָל זיין דיין ווילן איך זאָל האָבען אַ גוטען מזל אויף דער וועלט און

though Thy eyes watch the highest, yet condescend to see the humblest creatures upon this earth. O abide with Thy servant, do not take me away prematurly, and let my healing speedily come about. Save me from suffering and need, from sin and guilt, from all those who are ready to harm me, and from evil times that are likely to come in this world.

Open my heart to Thy teaching. Let me obtain grace, favor and mercy in Thine eyes, and in the eyes of all who behold me. Strengthen and secure my hand to do Thy service and to support those who study the holy law. Grant me my maintenance, and the maintenance of my household in ease and abundance. Open my mind to Thy commandments, put within my heart the love and the fear of Thee and Thy law be my occupation, and also fulfill the wishes of this noble departed spirit that it may

אַ גוטע האַרץ און אַ אונטערטעניגע נשמה און אַ נידעריגען גייסט. דיין נאָמען זאָל דורך מיר ניט פאַרשוועכט ווערען. איך זאָל ניט זיין דער געשפרעך אין מענשענס מיילער. מיין לעבען זאָל ניט אויסגערונען ווערען. איך זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צו מענשען. איך זאָל זיין אַפּהענגיג נאָר אין דיין אָפּענע, פולע, ברייטע און הייליגע האַנד. זעה, אַז איך זאָל שטעהן צווישען די, וואָס טוען דיין ווילען מיטען גאַנצען האַרצען. איך זאָל נאָך דערלעבען צו זעהן גאָר אין גיכען דאָס אויפבויען פון דיין בית המקדש אין זיין גלאַנץ און פּראַכט; אַז איך זאָל אויסהאָדעווען קינדער און קינדס קינדער, וואָס זאָלען זיך איילען צו אויספּיעלען דיינע מצוות און דיין תורה, און זאָלען זיין רייך און האָבען כבוד און קיין זאַך זאָל זיי ניט פעהלען. ערלייז מיר און בעשירעם מיר פון אַלערליי שלעכטע גְזֵירוֹת און אין דיין גוטסקייט און בארמהארציגקייט זאָלסטו מיר ארויסנעמען פון יעדען אומגליק. גיב אַכטונג אויף מיר און זיי מיר צו הילף וואו איך געה און שטעה און מיינע רייד זאָלען זיין דיר צום ווילען און אין די אויגען פון מענשען פון איצט און אייביג.

אָה גוטער און פאַרגיבענדער ג-ט!

find rest, and that it may rise again at the coming of the Redeemer.

O, Sovereign of all the worlds, who sittest in heaven, glorified G-d, Eternal Lord of the hosts, may be Thy will to grant me a happy lot, a good heart, a humble soul, a lowly spirit, and let Thy name not be blasphemed through me. Do not make me the butt of people's talk, let me not be prematurely cut off, and do not let my hope be turned into despair. Let me not rely upon the gifts of mortal creatures, but only upon Thy helping hand, which is full, open, holy and generous. Make my lot with those who are engaged in the study of Thy law, and with those who do Thy will wholeheartedly. Let me live to see the rebuilding of Thy house in glory and splendor. May I succeed in bringing up my children and children's children willing to do Thy commandments, and in pos-

פערגיב מיר אַלע מיינע זינד. הייל מיר און העלף מיר. בעלייכט מיין וועג אין דיין תורה און מצוות. דריק אונטער אַלע מיינע פיינד. צוברעך און צושטער אַלע די, וואָס שטעלען זיך מיר אין וועג און וואָס פּלאַנעווען שלעכטס אויף מיר. פאַרמאַך די מיילער פון די, וואָס ריידען אויף מיר בייזעס. רעטע מיר פון שווערע שטראָף, פון געפענגעניש, פון שווערד, פון פאַרוואָגעלט צו ווערען, פון קראַנקהייטען, פון שלעכטע חברים, פון שלעכטע שְׁכֵנִים. און פון שטן, וואָס אַן אויף מיר שלעכטס. איך זאָל האָבען חן ביי דער וועלט און איך זאָל אויס-לעבען מיינע יאָהרען אין שלום. און ווען עס וועט קומען די צייט איך וועל דאַרפען געהן פון דער וועלט, זאָל דער טאָג פון מיין טויט זיין ווי דער טאָג פון מיין געבורט: עס זאָל ניט זיין אין מיר קיין זינד, קיין שולד און קיין פערדאַרבענקייט. זאָל מיין טויט זיין אַ כַּפָּרָה אויף אַלע מיינע זינד, און בעשירעם מיר פון די ליידען פון קבר און מיין נשמה זאָל רוהען אין דעם בינטעל פון לעבען און איך זאָל אַרויס-קומען אַ גערעכטער אין דעם טאָג פון יום הַדִּין.

אָנָא שְׁמַע איך בעט דיר, הער זיך צו מיין געבעט און אַלע מיינע חֲלוֹמוֹת

session of wealth and honor and not suffering from any want.

Save me and protect me from all hard or evil decrees, and with Thy mercy and Thy favor save me from all distress and trouble. Let Thy watch be steady over me for my good as a help and support wherever I may go. Let my words be favorably accepted by Thee and may I also find grace in the eyes of man now and forever.

O, gracious and forgiving G-d, forgive all my transgressions and iniquities and enlighten my eyes unto Thy law and Thy commandments and subdue my enemies and accusers; destroy and cast down all those who rise up against me or are designing evil plans against me. Deliver me from a hard judgment, from bondage, from the sword, from exile, from disease, from a bad man, from a bad companion, from a bad neighbor, from a

און אויך די חלומות, וואָס מיינע פריינד האָבען געחלומ׳ט וועגען מיר, זאָלען זיך אויסלאָזען צום גוטען און זאָלסט ערפיעלען אַלע מיינע פערלאַנגען צום גוטען אין דעם זכות פון אַלע צדיקים און הייליגע, וואָס ליגען דאָ באַגראָבען און אויך אין דעם זכות פון די, וואָס זיינען געשטאָרבען צוליב דיין הייליגען נאָמען.

און אין דעם זכות פון די הייליגע און פרומע פון דער גאַנצער וועלט זאָלען מיינע רייד דיר זיין צום ווילען און מיינע געדאַנקען זאָלען ווערען אָנגענומען פון דיר ג-ט, מיין ערלייזער און מיין פעלדזען.

(ביים ענדיגען די תְּפִלָּה גיט מען צְדָקָה — אַ דאָניישאָן).

harmful adversary. Grant me grace and favor and complete the number of my days in peace, and when my time will come to depart this world—let the day of my death be as free from sin and transgression, guilt or wrongdoing as the day of my birth. Let my death be an atonement for all my sins; save me from the tortures of the grave. Let my soul rest in the bond of life, and clear me of guilt in the day of judgment.

O hearken to the voice of my prayer, and turn into good all the dreams that I have dreamt concerning myself or that my friends have dreamt concerning me. Bring down upon me the benediction of the priests, and fulfill all the desires of my heart to my good, in behalf of all the righteous, pious and holy men and women who are buried here, and who died for the glory of Thy name, and for the sake of all the holy and pious people

of this world.

Let the words of my mouth and the meditation of my heart be favorably accepted by Thee, my Rock and my Redeemer. (Now is the time to make a contribution of money to charitable institutions.)

צו זאָגען אויף דעם מוטערס קבר

(צו יעדער צייט)

דאָ רוהט מיין זעליגע מוטער, וואָס האָט מיר ערציגען און אויפגעהאַלטען און האָט זיך אָנגעליטען זעהר פיעל מיר אויפצוהאָדעווען און באַפרידיגען אַלע מיינע נויטען. זי האָט מיר געפיהרט און גע̇לערענט אידישקייט און מענש־ליכקייט.

וועה איז מיר! וואָס זי איז פון מיר צוגענומען געוואָרען און האָט אונז קינ־דער איבערגעלאָזען אויף ג־טס בעראָט. נאָך אזא טרייע וועגווייזערין ווי זי איז געווען צו מיר הב איך ניט. זי איז שטענדיג געווען גרייט צו קומען צו מיר און מיר העלפען, ווען נאָר איך האָב זיך גענויטיגט אין הילף. און איצט, בין איך געקומען זיך אויסוויינען אויף מיין מוטערס קבר. איהר הייליגע נשמה האָט אַרויפגעשטיגען אין דער הויך און געפינט זיך איצט אין אייביגען פרידען. זאָל ג־טס בְּרָכָה רוהען אויף איהר און ג־טס כָּבוֹד זאָל שיינען אויף איהר. זאָל זיך דיין רַחֲמָנוּת, ג־ט, ערוועקען צו מיר און זאָלסט מיר אויס־הערען מיין געבעט.

אָנָא, איך בעט די, פּאַרכטיגער ג־ט,

PRAYER ON VISITING THE GRAVE OF A MOTHER

(At any time of the year)

Here reposes my pious and virtuous mother who gave me life and suffered immeasurably to bring me up and provide me with all the necessities of life. She led me in the paths of the holy Torah and taught me to be G-d fearing.

Alas! she has been taken away from me, in accordance with the inscrutable will of G-d and left us children on G-d's mercy. Such a wise and true guide in life as she was to me there is none. She was always ready to come to my succor, whenever I was in distress. And now that I am in trouble I have come to seek comfort on my mother's grave. Her soul, I am sure, abides in eternal felicity surrounded with benign angels of peace. Let her sainted mem-

פאַרגיב מיר אַלע מיינע זינד און זעה. אַז איך זאָל האָבען גענוג פרנסה און עסען. נעהם אויף מיינע טרערען און איך זאָל דערלעבען צו זעהען מיינע קינדער און קינדס קינדער געהן אין אידישען וועג און איך זאָל זוכה זיין צו זיין בעגליקט מיט אייניקלאך און אור אייניקלאך, וואָס זאָלען זיין ג-ט-פאַרכטיג און שטאַרק און דינען ג-ט מיט טיפען גלויבען.

(אין אַ צרה זאל מען דאָס אויך זאָגען)

ראה נאָ קוק זיך איין, ג-ט, אויף די קינדער, וואָס מיין טהייערע מוטער האָט געלאָזען. צוליב מיינע זינד האָסטו מיר געשטראָפט און עס האָט זיך אויס-געגסען אויף מיר דיין צאָרען. איך געפין זיך אין שווערע אַנגסטען. די קינדער, וואָס מיין מוטער האָט גי-פלעגט און אויסגעהאָדעוועט, געפינען זיך אין זעהר אַ שלעכטע לאַגע.

לכן דעריבער, ווען מיר האָט געטראָ-פען אַן אומגליק און קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט, האָב איך זיך אָנגעשטריינגט און בין געקומען צו מיין מוטערס קבר צו תפלה טאָהן צו דיר, אַז דו זאָלסט אויף מיר רחמנות האָבען אין דעם זכות פון מיין טהייערע מוטער, אַזוי ווי אונזער מוטער רחל ווען איהרע

ory be blessed, let the glory of the heavenly Father shine upon her immortal spirit, and let the All-merciful G-d give her His gracious possibility to intercede in my behalf after listening to my tearful supplications.

I pray Thee, Almighty, forgive all my sins. May peace, ease, abundance, honor and glory be the portion of my inheritance. (A donation is now in place.)

When In Distress Add Also the Following:

Look down, G-d Almighty, upon the children which my mother left, and send Thy grace from above upon her descendants, that her children may not be subjected to privation and despair. G-d has punished me for my sins and His wrath has fallen on my head. The children, my mother took so much pains to watch over, are in woeful distress.

I have, therefore, come hither

קינדער זיינען אַוועקגענומען געוואָרען אין געפענגעניש, האָט זי געוויינט מיט אַ הויכען קול אויף זייער שיקזאַל. זיי זיך מרחם איבער מיר און צושטער דעם שלעכטען אורטייל איבער מיר און זאָלסט ברייגגען אַ שנעלע הילף צו מיינע ליידען. ווייל איך טוה מיט קיין אויג ניט צוטאָהן, נאָר איך וויין אַ גאַנצע נאַכט. מיינע אויגען זיינען שוין טונקעל וועוואָרען פון גרויס טרויערען.

הער, ג-ט, מיין געבעט אין דעם זכות פון מיין מוטער און נעהם מיר ארויס פון פינצטערניש אין דער ליכטיגקייט אַריין. זיי מיר מיין שוץ און טוה אָפּ דיין צאָרען פון מיר. ערפיעל מיט גרויס גענאַד און רחמים אַלע מיינע פערלאַנגען. פערלענגער מיינע טעג און יאָהרען אין גליק און אין נחת, אַזוי אַז קיין זאַך זאָל מיר ניט פעהלען. דער זכות פון מיין טהייערע מוטער זאָל מיר בעשטעהן פאַר מיר און מיינע קינדער. אויך אין דעם זכות פון אַלע גוטע און פרומע לייט פון דער וועלט זאָלסטו אָפּווענדען פון מיר פּיין און טרויער. העלף מיר, ג-ט, ווען איך רוף צו דיר. אמן!

(נאָך דער תפלה זאָל מען געבען א דאָנישאָן)

near the grave of my sainted mother to beseech Thee, merciful Father, that Thou mayest manifest Thy boundless magnanimity upon me and the members of my family, to help us for our mother's sake, as Thou hast granted the supplications of our mother Rachel when she prayed for her children in bondage. Thy powerful arm, heavenly Father, of help be extended to us to save us from distress. Be Thou our shield, for the sake of our departed mother, and turn away Thy wrath from our household. Let need be replaced by plenty. Let health and peace take the place of sickness and confusion.

We cast ourselves before Thee, receive our prayer. Amen.

(After the prayer charity should be given to a worthy cause.)

צו זאָגען אין אַ פאָטערס יאָהרצייט

אָנָא ה׳ איך בעט דיר, ג-ט, עס איז שוין אַוועק אַשטיקל צייט, זינט דו האָסט אין דיין גרויס קלוגשאַפט אַוועקגענומען אין הימעל אריין מיין טהייערען פאָטער פון מיר, וועמענס פערשטאַנד און לעהרע האָבען מיר געפיהרט אין די ריכטיגע וועגען, און וועלכער איז געווען איבערגעגעבען צו מיין גליק און וואָהלזיין. איך קוק ארויף צו דיר, טאַטע זיסער, אין הימעל אריין און איך רוף צו דיר פון די טיפענישען פון מיין האַרץ. איך שטעה פאַר דיר מיט ציטערניש און איך בעט ביי דיר דו זאָלסט מיר ניט פערלאָזען אַזוי ווי דו פערלאָזט ניט די פויגעל אין וואַלד.

ווען מיין זעליגער פאָטערס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשען האָט מיר די האַרץ געשראָקען, אַז איך וועל זיין עלענד און פאַרוואָגעלט אויף דער וועלט. אָבער דו, ג-ט, האָסט מיר גענומען אונטער דיין שוץ און האָסט מיר פאַרזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען. איך האָב פאַרלאָרען מיין פאָטער אָבער דו הָסט מיר באַשיצט און איך הָב געפונען לייטזעליגקייט אין דיינע אויגען.

אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם — טאַטע זיסער אין

PRAYER FOR THE DEATH ANNIVERSARY OF A FATHER

I PRAY Thee Almighty. Days and years have passed since it pleased Thee in Thy wise providence, to take out of this world the soul of my deceased father, whose life, wisdom and guiding spirit have entirely been devoted to my happiness. I look up to Thee, heavenly Father, and call to Thee from the recesses of my heart. I stand trembling before Thy eternal majesty, and pray that Thou mayest not forsake me as Thou forsakest not all Thy creatures in the world.

When my sainted father departed this life fear had overwhelmed me lest I be forsaken and unprotected in the world. But G-d, in His loving kindness, has taken me under His protection and provided me with the necessities of life. I have lost my dear father, but G-d has shielded

הימעל, איך ווייס, אַז מיין פּאַטערס לויטערע נשמה איז אַרויף צו דיר אין הימעל — דאָרט וואו די צדיקים זיצען מיט זייערע קרוינען אויף זייערע קעפּ און ווערען בעלוינט פון ג-ט פאַר זייערע גוטע טהאַטען, וואָס זיי האָבען געטאָהן אויף דער וועלט. אָבער זינט מיין פּאַטער איז געקומען צו זיין אייביגער רוה האָב איך זיך ניט געקענט טרייסטען אויף זיין טויט און איך קען זיך ניט בערוהיגען. וויל איך דערמאָנען זיך אָן די אַלע גוטע זאַכען, וואָס ער האָט געטאָהן פאַר מיר פון מיין געבורטס-טאָג אָן.

ער האָט מיר געגעבען לעבען. ער האָט מיר פאַרזאָרגט מיט אַלץ אין וואָס איך האָב זיך גענויטיגט. ער האָט מיר געפיהרט אין די וועגען פון אידישקייט. ער האָט מיר געלערענט צו געבען צדקה און צו טאָהן גוטעס און צו ווייכען פון שלעכטס. זיין ליעבע האָט מיר שטענדיג בעגלייט. ווען מיר האָט געטראָפען אַ צָרָה האָט ער מיר געטרייסט און בערוהיגט. און ווען מיר איז געווען שלעכט אויפן האַרצען האָט ער געשטילט מיינע ליידען. און איצט איז ער שוין מעהר ניטאָ לעבען מיר. אָבער אפילו דאָרט, אין זיין אייביגער רוה אין הימעל, האָט ער מיר אויך ניט פאַרגעסען. די גוטעס

me and I have found grace in His eyes.

I am aware, O G-d, that the soul of my dearest father has ascended among the saints, who are crowned with glory contemplating Thy eternal splendor, and are rewarded for the virtuous deeds they had done on earth. But since my father left me, I find no rest, for I am lamenting the irreparable loss of my dearest benefactor, who surrounded me with tenderness since I was born. How can I forget him who provided for me, helped me, instructed me in Thy ways and comforted me in my distress?

He gave me life. He led me in the ways of Thy Torah and precepts. He taught me to be charitable, to help others and to shun evil. I know, my Saviour, that the sainted spirit of my father will not forget me, even there in the region of eternity, for I am deep-

וואָס איך געניס דאָ אויף דער וועלט, קומט מיר אין זיין זכות. אין זיין נאָמען פאַרטרייב ג-ט פון מיר אַלע צרות און אומגליקען, וואָס קלייבען זיך צו קומען אויף מיין קאָפּ.

אָבער איך האָב פאָרט פאַרלוירען מיין בעסטען פריינד אין לעבען. היינט איז דער טאָג וואָס איך האָב זיך געפיהלט צובראָכן און נידערגעשלאָגען, ווען מיין טהייערער פאָטער האָט מיך פאַרלאָזען. איך דערמאָן יענעם טאָג מיט גרויס האַרץ ווייטאָג. עס איז מיר דאַן די וועלט פּלוצלינג פינצטער געוואָרען און מיין בראָך איז געווען זעהר גרויס. איך האָב קיין טרייסט ניט געקאָנט געפונען.

אֶזְכְּרָה יָמִים מִקֶּדֶם איך דערמאָן יענע טעג, ווען מיין טהייערער פאָטער האָט נאָך געלעבט און ווען איך בין נאָך געווען יונג און צאַרט און ער האָט מיר געלערענט איך זאָל געהן אין ג-טס וועגען. איך באַקלאָג איצט יענעם טאָג און איך האָף, אַז דו, ג-ט, וועסט מיינע טרערען אָנעהמען פאַר ליעב, וואָרום וואָס קאָן איך איצט טאָהן איך זאָל איהם בעצאָהלען פאַר דעם אַלעם גוטס, וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָהן? איך קאָן בלויז אויסדריקען אַ דאַנק און

ly convinced, that only through the intercession of his spirit have I enjoyed life and escaped many disasters.

But all this can not heal the wound of my heart, when I remember that I stand here near the grave of my dear father. It grieves me greatly to recall that day. No consolation could erase the gloom of that day. My sadness knew no bounds.

Yes, to-day is the sad Yahrzeit, the gloomy anniversary of the death of my father. I hope that Thou, heavenly Father, will accept my tears in loving kindness. For I am now powerless to repay my father for the benevolence he showed me when he was alive. All I can do now is to express my gratitude and donate money to charity. And Thou knowest how grateful I am to my father, my great benefactor. Accept my prayer and tears favorably. Let the feeble light

געבען צדקה. דו, ג-ט, ווייסט ווי דאַנקבאַר איך בין איהם. דו ווייסט מיינע געדאַנקען און איך בעט. אַז מיין תפלה זאָל דיר זיין אַנגענעם, פאָטער אין הימעל. זאָל מיין געוויין זיין זיס פאַר מיין פאָטער, וועמענס נשמה לייכט אַזוי ווי די ליכט, וואָס איך האָב היינט אָנגעצינדען פאַר זיין נשמה, וואָס געפינט זיך אין גן עדן צווישען אַלע צדיקים און הייליגע. אויך אין דעם זכות, וואָס איך גיב אַ דאָנעישאָן פאַר זיין הייליגע נשמה.

ווען מיין פאָטער האָט געלעבט האָט ער נאָר געזוכט צו פאַרשאפען מיר גליק און אויך אין דער אייביגקייט, וואו ער געפינט זיך איצט, פאַרגעסט ער מיר ניט. זאָל זיין זכות מיר ביישטעהן פאַר דיר, גערעכטער ג-ט, אַז דו זאָלסט פאַרוואַנדלען מיין טרויער אין פרייד. און זאָלסט מיר בענטשען מיט הצלחה און אַ גוטען לעבען און זאָלסט מיר טרייסטען מיט דער טרייסט פון ציון.

פרידען צו זיין קערפער אין קבר און ווען משיח וועט קומען זאָל ער אויפשטעהן תְּחִיַּת הַמֵּתִים.

of this candle, which I have lit in his memory reflect on his spirit in the abode of peace and eternal life.

Bring, O Lord, my soul out of trouble, to please the spirit of my dearest departed who, when in life, wished me nothing but good. Let Thy mercy comfort me. Turn my sadness into joy. May Thy divine bounty abide with me. Comfort me with the consolation of Zion.

Peace to his remains that slumber in the shadow of Eternity, and may my father rise to heaven in the great Day of Resurrection.

צו זאָגען אין מוטערס יאָהרצייט

אָנָא ה' איך בעט דיר, ג-ט, עס איז שוין אַ שטיקעל צייט ווי די האָסט איינגעזעהען פאַר גוט צו אָוועקנעהמען מיין טהייערע מוטער פון מיר אין הימעל אריין. זי איז געוועזן מיין הויפט שטיצע אין לעבען. מיין הארץ איז מיר דאַן גע-וועזן צעווייטאָגט און שטראָמען טרערען האָבען זיך געגאָסען פון מיינע אויגען איבער מיין אומגליק. די ליכט פון מיינע אויגען האָט זיך אויסגעלאָשען.

אָבער זינט מיין מוטער האָט מיך פאַרלאָזען האָסטו, ליבער ג-ט, מיך גע-נומען אונטער דיין שוץ. דו האָסט מיך פאַרזארגט מיט אַלעם נויטיגען מיט עסען און קליידונג.

טאַטע זיסער אין הימעל, דו ווייסט גאַנץ גוט וואָספאַר אַ טהייערע נשמה זי איז געוועזן און זי האָט כשר פאַרדינט אַז זי זאָל זיך געפינען אין גן עדן צווישען די צדיקים און געניסען פון די לויטערקייט פון דער שְׁכִינָה.

זינט זי איז אַוועק פון דער וועלט האָב איך זיך ניט געקענט בארוהיגען און ניט געקענט געפינען קיין טרייסט. ווייל איך קאָן ניט פאַרגעסען די גוטעס, וואָס זי האָט געטאָהן פאַר מיר. זי

PRAYER ON THE ANNIVERSARY OF DEATH OF A MOTHER

I PRAY Thee Almighty. Days and months and years have passed since it pleased Thee to take out of this world the soul of my dear mother who, when alive, was my guide and mainstay in my life. Look down in Thy infinite pity upon Thy bereaved servant, sobbing bitterly. I was overwhelmed with the greatness and suddenness of my sorrow, for since the light of my mother was drawn to Thee I felt like a vagrant.

But my sole consolation lies in the fact, that since I lost my sweet mother, I found Thee, most merciful Father, my provider. Thy love shines graciously upon me in this dark day. And Thy fatherly hand provides my sustenance.

I am confident that my moth-

האָט מיר געגעבען לעבען און ערנעהרונג. זי האָט מיר געפיהרט אין ג-טס וועגען צו ליעב האָבען צדקה און אויסקלייבען גוטעס און וויכען פון שלעכטס. איהר ליעבע האָט מיר באַגלייט צו יעדער צייט. און ווען מיט מיר האָט עפּעס בייזעס פּאַסירט האָט זי מיר געטרייסט און ווען איך האָב געוויינט האָט זי געווישט מיינע טרערען.

אָבער איצט איז זי מעהר ניטאָ. זי איז אַוועק צו דיר, ג-ט אין הימעל. און אויך איצט זייענדיג אָפּגעשיידט פון מיר האָט זי מיר ניט פאַרגעסען. אַלעס גוטעס וואָס איך געניס קומט צו מיר אין איהר זכות. אין איהר זכות האָסטו אָפּגעטאָהן פון מיר אַלע צרות און שלאק, וואָס האָבען זיך געקליבען אויף מיר.

אַזְכָּרָה אֱלֹקִים היינט איז דער טאָג וואָס מיין האַרץ איז מיר צובראָכען געוואָרען און דער פינצטערער שיקזאַל האָט געבראַכט, אַז איך זאָל פאַרלירען מיין טהייערע מוטער. און וואָס קאָן איך איצט טאָהן צו בעדינען איהר פאַר אַלעם גוטעס, וואָס זי האָט פאַר מיר געטאָהן. איך מוז זיך בנוגענען בלויז מיט דאַנקען איהר. און דו, ג-ט, זאָלסט מיינע געדאַנקען פאַרוואַנדלען אין טהאַטען. זאָלען מיינע רייד זיין אַנגעלייגט

er's pure spirit is soaring yonder among the saints who are contemplating the grace of Divinity.

But alas! since it pleased Thee, great G-d, to take her away from this world, I find neither rest nor comfort. My heart breaks because of grief, and my eyes suffuse and melt when my mother's grave reminds me that I have no mother on earth to guide my steps and to direct my counsels. I have no more my motherly comforter who directed my steps in the pathway of morality, honor, piety, benevolence and charity. Her noble words of wisdom are still carved in my memory, to be good and to despise evil. Her death has not obliterated her comforting assurances to me, whenever in distress, wiping away tenderly the tears of my cheeks.

And now, my most affectionate mother is no more with me.

פאַר דיר, ג-ט. זאָל מיין געבעט זיין זיס צו מיין הייליגער מוטער, פאר וועמענס אָנדענק איך האָב אָנגעצונדען ליכט אַזוי ווי איהר נשמה לייכט אין גן עדן צוזאַמען מיט אַלע גוטע און פרומע לייט. וועלכע רוהען נאָענט צו דיר, ג-ט, אונטערן בוים פון לעבען, און פאַר וועמען איך גיב אַ דאָנײשאָן.

זאָל איהר זכות שטענדיג מיר בעשיצען, גרויסער ג-ט. זאָל מיין טרויער פאַרוואַנדעלט ווערען אין פרייד. דערהויב מיין מזל. און בענטש מיר מיט אַלע ברכות פון גליק און לעבען. און טרייסט מיר מיט דעם טרייסט פון צִיוֹן.

זאָלען איהר ביינער דאָ רוהען און זאָל אויפשטיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים אין דעם טאָג ווען משיח וועט קומען. אמן !

The beatified pious soul who has loved, fostered and cherished me, has returned to Thy celestial abode, O G-d, and I must speak to her through prayer. I am aware that the spirit of my saintly mother still guides me that thanks to her maternal intercession, I am supplied with blessing and plenty.

But this sweet consolation can not lessen my grief. I tremble in all my being when I come to reflect that my mother has departed, and from now on I must expect her motherly favors from that silent abode of the dead.

O merciful G-d, let my prayer be agreeable to my mother, whose mortal part rests here, while her pure soul shines forth as the light I have just consecrated to her memory. Let my tearful prayer and the virtue of charity to which I donate now reach my mother there, in the abode of delight, in the circle of

the pious.

Almighty G-d, help us and change our present affliction into blessing. Sustain us by Thy omnipotent will and surround me with my family with Thy blessing to rejoice with the consolation of Zion.

Let the ashes of my mother rest in peace till the dawn of thy promised resurrection. Amen.

צו בעטען אויף אַ קראַנקען

(אויף'ן בית עלמין לעבען די קברים)

רְאֵה ה׳ וְהַבִּיטָה זעה ג-ט און קוק זיך איין ווי מיין בעליבטער פריינד, וואָס הייסט (דאָ זאָגט מען דעם נאָמען פון דעם פריינד און דעם מוטערס נאָמען) ליעגט נעבעך אויפן קראַנקען בעט אין שרעק און ציטערניש. זיינע (איהרע) ביינער ווערען פאַרצערט פון פיבער. זיינע (איהרע) כּוחות געהען איהם (איהר) אויס. זיינע (איהרע) געדאַנקען זיינען פאַרווירט. זיין (איהר נְשָׁמָה איז צושראָקען. זיין (איהר) קראַנקהייט צו-שטערט זיין (איהר) רוה. זיינע (איהרע) ווייטאָגען זיינען אומגעהויער גרויס. ער (זי) ווארפט זיך אויפן געלעגער ווי אַ שיף אין מיטן ים. ער (זי) ליידעט גאַנצע טעג. זיינע (איהרע) ווייטאָגען זיינען אַזוי גרויס, אַז זיין (איהר) לָשׁוֹן איז איהם (איהר) אָבגענומען. זיין (איהר) אָטעם-צוג ברענט ווי אַ פייער און זיין (איהר) האַרץ געהט אויס. זיין (איהר) קערפּער ווערט איינגעדאַרט און עס איז ניטאָ קיין איין גאַנצער גליד אין זיין (איהר) לייב.

לָכֵן באתי דעריבער בין איך געקומען צו אויסציען זיך אויף די קברים פון

PRAYER FOR THE SICK

(On the cemetery near the grave)

O LORD, look down upon the earth and see the dearest friend of mine (mention here name of friend and friend's mother) lying prostrate on his (her) bed, shivering and shaking. His (her) body is consumed by fever, his (her) strength is ebbing, his (her) thoughts are inchoate, and his (her) soul is sorely aggrieved. His (her) bed is restless from illness. His (her) anguish is great. He (she) is like a quivering mast in the middle of a raging sea. He (she) suffers all day long and his (her) throat is dry and without speech. A burning fire consumes his (her) breath and his (her) soul is very sick. His (her) loins are racked by a pestilential sickness and his (her) flesh is weak and unhealthy.

I have, therefore, come here to prostrate myself upon the graves of these virtuous men

די דאַזיגע הייליגע צדיקים און צו בע-טען ביי דיר, אַלמעכטיגער און גרויסער ג-ט, אַז דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען איבער איהם (איהר) אין זייער זכות. ברייננ איהם (איהר) שנעלע רעטונג פון געוויטער און שטורעמווינט. הער זיך צו מיין געבעט און נעהם איהם (איהר) אַרויס פון פינצטערניש אין דער ליכטיקייט אריין. זיין (איהר) שוץ און פעלדזען זאָלסטו יין. טוה אָב דיין כעס פון איהם (איהר).

און אין זכות פון דיין גוטסקייט און לייטזעליגקייט גיב נאָך אַלע זיינע (איהרע) פאַרלאַנגען. שיינק איהם (איהר) גענאַדע און פערלייננער זיינע (איהרע) יאָהרען אין גליק און נַחַת און זיינע (איהרע) פיינט זאָלען פערשווינדען ווערען.

וְעַתָּה און איצט זאָלען די הייליגע נשמות געהן צוריק צו זייער רוה און ווידער אויפשטעהן ווען דער גרויסער טאָג פון תְּחִיַּת הַמֵּתִים וועט קומען און ג-ט וועט אויפריכטען אַלע צדיקים און פרומע אין דעם גרויסען יום הדין.

איך פערזיכער זיך אויף ג-ט און מיין האַרץ איז פעסט. איך האָב פאַר קיין בייזעס קיין מוֹרָא ניט. מיינע פריינד וועלען אויך פאַר איהם (איהר) מֵלִיץ

and to pray to Thee, sublime and omnipotent G-d. For Thine own sake, be kind unto him (her), O Lord. Give him (her) shelter from raging storms and whirlwinds. Listen to my prayers and send him (her) forth from the darkness into the light. Be his (her) shield, his (her) shelter, my G-d. Remove Thy wrath from him (her), turn away Thy anger, and in Thy kindness grant his (her) desires, his (her) salvation, and pity. Give him (her) grace and mercy and days full of happiness, and let his (her) enemies vanish.

May these sacred spirits find repose and rise again at the end of time. My heart is strong and has utmost faith in the Eternal. I fear no evil, for my friends will pray for him (her). And in the merit of the donation I offer herewith for Hebrew schools and yeshivas may G-d be my judge and listen to my supplications. Amen.

יוֹשֶׁר זיין. איך האָף, אַז אין דעם זכות
פון צְדָקָה, וואָס איך גיב איצט אויף
תַּלְמוּד תּוֹרוֹת און יְשִׁיבוֹת וועט ג-ט
הערען מיין געבעט און שיקען איהם
(איהר) אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה. אָמֵן

צו זאָגען אויף דעם ווייבס קבר ווען נישט פערהייראַט

ריינע און פרומע נשמה פון מיין טהייערע פרוי. דו האָסט ארויפגעשטיגען אין הימעל אריין און דו געפינסט זיך איצט צוזאַמען מיט די הייליגע צדקניות, אונזערע מוטערס שרה, רבקה, רחל און לאה. דו ביזט געווען שטאַרק אין אידישען געפיהל. דו ביזט געווען טריי און איבערגעגעבען. דערפאַר האָסטו פאַרדינט, אַז די מַלְאָכִים זאָלען עפענען פאַר דיר די טויערען פון גן עדן און דיין הייליגער נשמה זאָל לייכטען אין ג-טס ליכט.

און איצט אַז דו האָסט דורך ג-טס ווילען מיר פאַרלאָזען טוה איך דיר בעטען, אַז דו זאָלסט דיין געזעגען פון מיר ניט אבטאָהן. עס איז גאַנץ גוט בעוואוסט, אַז עס איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ מענש, וואָס זאָל קיינמאָל ניט האָבען געזינדיגט. עס טרעפט צייטענווייז, וואָס דער כעס פאַרפיהרט אַ מענשען ער זאָל בעגעהן נאַריש־קייטען. און זוכען אין זיין ווייב פעה־לערן. און אפשר האָב איך דיר אַמאָל געגנאַרט, וואָס האָט דיר געבראַכט צו טרערען. אָדער געטאָהן עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט דיר פערשאַפט ערגערניש.

מְחַל נָא דעריבער בעט איך ביי דיר.

ON THE GRAVE OF A WIFE, WHEN NOT REMARRIED

Pious, purified soul of my beloved wife. Thou didst soar up to the regions of peace, under the protection of the Most High. There thou abidest in felicity. O thou faithful and loving spirit, while alive you were steadfast in walking the pathway of the Torah along with the pious and purified and G-d-fearing ancient mothers Sarah, Rebecca, Rachel and Leah. Mayest thou now enjoy the godly fruit of thine ardent zeal and pious efforts in the regions of uninterrupted happiness.

O may our merciful Father command His benign angels of peace to open unto thee the gates of Eden, to seat thee in the assembly of those pure souls.

Beloved and revered spirit, G-d, in His inscrutable wisdom, has pleased to summon thee to

אַז דו זאָלסט מיר מוֹחֵל זיין און פער־געבען אויף אַלעס און מעהר ניט דער־מאָנען מיינע אַמאָליגע זינד. דו זאָלסט האָבען אויף מיר רַחֲמִים און זיין אַ גוטער אויסבעטער פאַר מיר, ג-ט זאָל מיר פערהיטען פון אַלדאָס, בייז. און אויב עס איז אָנגעשריבען געוואָרן אויף מיר עטוואָס שלעכטס, זאָל דער אורטייל צעשטערט ווערען און ג-ט זאָל מיר געבען לאַנגע יאָהרען און כבוד און רייכטום, אום איך זאָל קאָנען שפּייזען מיין הויזגעזינד און זיי אויסהאָדעווען אין אידישען וועג לויט מיין וואונש און מיין גאַנצע הויז-געזינד זאָל לעבען אין פרידען און אייניגקייט און זאָלען מַצְלִיחַ זיין.

בעט פאַר מיר, אַז ג-ט זאָל מיר היטען פון יעדער צרה און מיינע קינדער זאָלען זיין עהרליך און זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען צו מענשען און אויסקוקען פון פרעמדע הענד. און אין דיין זכות און אין דעם זכות פון אַלע גוטע און פרומע לייט, אונזערע אבות, און אין דעם זכות פון צדקה, וואָס איך גיב פאַר דיין נשמה זאָל ג-ט אויסהערען מיין געבעט און דו, מיין טהייערע ווייב — זאָלען דיינע ביינער רוהען אין פרידען און דיין נשמה זאָל געפינען לייטועליגקייט אין דער הימלישער אייביגקייט, און אויפ־שטעהן צו תְּחִיַּת הַמֵּתִים. אמן!

regions of everlasting repose, whilst I am yet ordained to tarry in the valley of sorrow; be thou, therefore, my guide. Approach the throne of mercy and implore upon me grace, that I may not stumble on the dismal, intricate and rugged path of this earthly life. Remember not, when in the unheeded moment of impetuosity or unguarded passion, my mouth might have uttered harsh expressions, and words of unkindness, which caused thee grief, sorrow and trouble.

O, do pardon and forgive me! May thine affection, thy love, thy sympathy, which have not ceased with thy death, be my polar star, to lead me to the land of life and of blissfulness, to illumine my gloomy and dismal nights, and to protect me from danger, from trouble and mishaps. Grant unto me and all that belong to me, a long and happy life; a life of honor, of plenty, free from care.

Lift up thy voice in prayer and may the Father of mercy deliver us from trouble and affliction, and that I and all who belong to me may fulfill our years in happiness and plenty. Grant that my descendants may be good, virtuous, upright and pious. Deign that I may train them in, and lead them to, the glorification of Thy sacred name and holy service. Do not subject them to the gifts of men, nor suffer that they stay their hunger by that reached to them at the table of strangers. Invoke His mercy, that He may listen to our supplication, for the sake of the merit of our pious forefathers, and also in behalf of the donation I am offering to charity.

May thine ashes rest in ease and tranquility, purest of souls. And rise at the appointed time, when the Almighty will awaken thee to constant glory and perpetual life. Amen.

צו זאָגען אויף דעם מאַנס קבר ווען נישט פערהייראַט

שָׁלוֹם עָלֶיךָ פרידען צו דיר, מיין טהייערער מאַן, דו ביזט געווען די פרייד און דער אויפהאַלט פון מיין הויז. מיט דיר איז מיר געווען ליכטיג אין יעדער ווינקעלע. ביזט געווען די קרוין פון מיין קאָפּ און אַ היילונג צו מיינע ווייטאָגען. איצט איז מיין זון אונטערגעגאַנגען און איך בין געבליבען עלענד און איינזאַם ווי אַ שטיין. אַז איך קום אריין אין הויז פעלסטו מיר אויס. ווי איך גיב זיך אַ קער איז מיר די הויז פוסט און איך האַלט אין איין פרעגען: וואו ביזטו? ווי האָסטו מיר איבערגעלאָזען פאַראומערט און פאַרטרויערט? איך הער ניט אויף צו וויינען. איך קען קיין טרייסט ניט געפינען. אומזיסט זוך איך מיין אַמאָליגע פרייד.

מִן הַמֵּצַר — פון גרויסען ווייטאָג בין איך געקומען אַהער און זאָג: פרידען צו דיר און צו דיין הייליגע נשמה. קוק זיך איין וואָס פון מיר איז געוואָרען, ווי נידערגעשלאָגען מיין געמיט איז! (אויב עס איז דאָ קליינע קינדער) (אויף וועמען האָסטו איבערגעלאָזען אונזערע אָרעמע שעפּעלאך? ווער וועט אויף

PRAYER ON THE HUSBAND'S GRAVE WHEN NOT REMARRIED

Peace be unto thee, thou spirit of my beatified husband. Thou who hast been the prop of my house, and the delight of my dwelling. Thou who hast enlightened my darkness and cheered my gloominess. Thou, the crown of my glory, and the remedy of my affliction.

But, alas! now my sun has gone down and I am left alone and destitute. When I enter my house, when I look this way and that way and perceive thee not, I exclaim in the anguish of my heart, Where art thou? Wherefore hast thou forsaken me, the grieved of spirit? Who will console me? Who will heal my affliction? Who will stay the tears of my cheeks?

In my great distress I have come today to the resting place of my delight and joy and I say,

זיי איצט אַכטונג געבען? ווער וועט זיי איצט דערציִען? ווער וועט זיי איצט לערנען און פיהרען אין אידישען און מענשליכע וועגען?) און אויף וועם קען איך זיך איצט פערלאָזען? און ווער וועט איצט אויפהאַלטען די הויז־געזינד? אויב דער טויט פון אַ פרוי צום מאַן איז געגליכען צו דאָס חרוב ווערען פון בית המקדש איז דער טויט פון אַ מאַן צו אַ פרוי געגליכען ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען.

עַל כֵּן דעריבער זאָלסטו זיך דער־באַרעמען־אויף מיר און (אויף דיינע הילפ־לאָזע קינדער) און זיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר פאַר מיר (און פאַר זיי), אַז ג־ט זאָל זיין מיין (און זייערער) שיצער. אַז מיינע זינד זאָל מיר פערגעבען ווערען און איך זאָל אויפגעריכט ווערען און און אויסגעהיילט ווערען פון מיינע וואונדען. מיה זיך פאַר מיר (און, פאַר אונזערע קינדער וואָס דאַרפען אַנקומען צו מיר). ג־ט זאָל אָפּטאָהן פון מיר (און פון מיינע קינדער) יעדער קראַנקהייט. און איך זאָל האבען פרנסה (איך זאָל קאָנען די קינדער גוטס טאָהן און זיי זאָלען מיין וועלט בעשיינען זיי זאָלען זיין קלוג און האָבען חן ביי ג־ט און ביי לייטען) און לאַנגע יאָהרען אין פרידען און כָּל טוב.

און דו, טהייערע נשמה, זאָל ג־ט

Peace be unto thee, and to thy purified soul. Look on my affliction. Behold my grief, my contribution, my crushed spirit, and my great disquietude. (If there are small children - add the following.) (Behold, with whom hast thou left these sheep, lambs which thou hast left to themselves. Thou didst go to rest, but us thou hast left to sorrow. Who shall teach them knowledge? Who will make them understand the ways of G-d? Who will guide us in the path of rectitude?) Verily, if the death of a wife to a husband has been compared to one doomed to see the destruction of the holy Temple, then the death of a husband to a wife surely resembles the overthrow of the whole universe.

Beloved of my soul, pray, therefore, and implore the mercy of the Most High, the Father of the fatherless and the Judge of the widows, to have mercy on

דיר דערמאָנען שטענדיג צום גוטען.
דיינע ביינער זאָלען דאָ רוהען אין
פרידען און דיין נשמה זאָל זיך געפינען
אין אייביגען גליק און אויפשטעהן צום
טאָג פון גרויסען יום הדין ווען משיח
וועט קומען. (איצט זאָל מען געבען אַ
דאָניישאָן צו גונסטען דער נְשָׁמָה.

the remnant of thy flock. Pardon my sins, and support my house that is broken down. Grant me a remedy for my sufferings. Remove from me every disease and affliction, repair my ruin and provide for me (and my children) my (our) daily wants. Grant that I (and my children and children's children) may be wise, understanding, honored attached to Thy sacred law, and devoted to piety and virtue, and may I (and they) spend long years in peace, riches and honor.

And thou, heavenly soul of my beatified husband! May G-d remember thee for good. May thy sacred ashes repose in peace, until thou art awakened to everlasting life, and to uninterrupted bliss, joy and gladness. Amen. (Now it is appropriate to give a contribution of money to worthy causes.)

צו זאָגען אויף אַ ברודערס קבר

אָט־דאָ אונטער דער מצבה ליגעט מיין טהייערער ברודער וועלכער איז פון מיר אַוועקגענומען געוואָרען. מיין האַרץ איז נאָך אַלץ צעבראָכען פון דעם אומ־גליק אין יענעם טאָג. ווען מיין ליבסטער איז פון מיר אַוועקגעריסען געוואָרען און איך קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך. ווי גוט און אַנגענעהם מיר איז געווען ווען ער האָט געלעבט.

איך קען ניט פערגעסען יענע צייטען, ווען מיר האָבען זיך צוזאַמען געהאַ־דעוועט אין הויז פון אונזערע עלטערען, עס ווערט מיר ביטער אויפן האַרצען ווען איך גיב אַ טראַכט ווי דער בוים פון מיין טהייערען ברודער איז אונטער־געהאַקט געוואָרען.

און איצט בין איך געקומען צו זיין קבר און בעטען, אַז זיין נשמה זאָל אַרויפשטייגען אין דער הויך און גע־ניסען פון ג־טס לויטערקייט. אויך טוה איך תפלה צו דיר, בארעמהערציגער ג־ט, אַז איך זאָל שוין מעהר פון קיין צַעַר ניט וויסען און מיט דיין חֶסֶד, ג־ט, זאָל מיין וועג אין לעבען זיין אַבגעצאַמט פון שטיינער און שטרויכ־לונגען. גיב אַכטונג אויף מיר און אויף

A PRAYER ON A BROTHER'S GRAVE

Here lies in peace my beloved and dear brother whom G-d hath seen fit to remove too early yonder at the Mansion of Glory. There is no limit to my grief, when I think of that gloomy day when my best friend in life was torn away from me. I have not recovered yet from the shock of that tragic occurrence.

I will never forget that time when we were together under the care of our parents' shelter. How painful to think of the tree that was cut by the pale hand of death.

And now I have come to my brother's grave to pray that G-d grant unto his soul the blissfulness of the righteous. Beseech my prayer, Merciful G-d, and answer my tears that sadness and sorrow may never again pass my threshhold. Grant, O G-d, that I lead a life of felicity,

מיינע אייגענע, אַז אונז זאָל קיין זאַך ניט פעלען. פאַרגיב מיר מיינע זינד און הער זיך צו צו מיין געבעט. זאָל זיך מיין ברודערס נשמה מיהען פאַר מיר און זיין מיין מֵלִיץ יוֹשֶׁר. און אין דעם זכות פון צדקה, וואָס איך טוה איצט געבען זאָלסטו בענשען מיר און דיין גאַנץ פאָלק ישראל. זאָל די נשמה פון מיין ברודער אויסגעלייטערט ווערען און רוהען צווישען אלע צדיקים און ווען משיח וועט קומען זאָל ער אויפ-שטעהן תְּחִיַּת הַמֵּתִים. אָמֵן.

of peace, of honor, of security. Watch over me and over the members of my household that we may never suffer any want.

Pardon my sins and hearken to my prayer. May the spirit of my brother lead me up and show me the way to a higher, nobler mode of life, that I may observe the precepts of the Torah and act according to the teachings of Judaism.

And in the merit of the donation that I do offer now for yeshivah and Hebrew schools, bless me and my family and the children of Israel in general. May the pure soul of my brother rest among the righteous and pious and be resurrected on the day of the coming of the Messaiah. Amen.

צו זאָגען אויף אַ שוועסטערס קבר

אָט-דאָ רוהט מיין טהייערע אונבאַ-ליבטע שוועסטער. די שעהנע בלום, וואָס איז אַוועקגעריסען געוואָרען פון מיר. יענער טאָג פון דעם גרויסען אומ-גליק איז געווען פונקט ווי די זון וואָלט פאַרוואָלקענט געוואָרען אין מיטען העלן טאָג. מיין האַרץ איז געווען אַזוי צע-בראָכען, אַז דער לעבען איז מיר געווען אין גאַנצען איבעריג. איך האָב מיינע טרערען ניט געקענט איינשטילען. דער ווייטאָג איז געווען אומגעהויער גרויס.

באַרעמהערציגער ג-ט, איך, זינדיגער מענש, טאָר ניט פרעגען קיין פראַגען און טאָר ניט צווייפלען אין דיין גערעכ-טיגקייט. דיינע וועגען קאָנען מיר ניט פאַרשטעהן. איך ווייס, אַז אַלץ וואָס עס קומט אויף אונז איז ריכטיג און מיר האָבען דאָס פערדינט.

טוה איך איצט תפלה צו דיר, אָט דא לעבען מיין שוועסטערס קבר, אַז דו זאלסט פאַרגעבען אלע מיינע זינד אויף וועלכע איך האָב חַרָטָה מיטן גאַנצען האַרצען. זאָל מיין שוועסטערס זכות און דער זכות פון אַלע היילִיגע פרויען, וואָס געפינען זיך איצט אין גן עדן, מיר ביישטעהן און מיר שיצען

A PRAYER ON A SISTER'S GRAVE

Here lie the remains of my dearest sister, the tender flower that was torn away from me. Alas, death deprived you of our family and the sun of happiness set down on our house. On that day when death snatched you away I was so miserable and sad that life seemed to be of no use altogether. My crying knew no bounds. The loss was painfull beyond words.

O Merciful Father, I, shortsighted mortal, can not penetrate into the divine secrets, nor have I the right to doubt the justice of your deeds. I am fully aware that whatever befalls us is the fruit of our actions and deeds on this earth. I, therefore, tearfully beseech Thee at the solitary grave of my dearest sister that my sins be pardoned, for I truly repent them from my very soul. May the merit of my sis-

פון אַלעם בייזען. פיהר מיר, ג-ט, אין די וועגען פון מענשליכקייט און אידישקייט און שענק מיר דיין גנאָד, איך און מיין פאַמיליע זאָלן קיין צער מעהר ניט האָבען און מיר זאָלן זיין געזונד און האָבען פרנסה פון דיין פולער האַנד און מיר זאָלן געניסען פון אַלעם גוטען אויף דער וועלט.

איך האָף צו דיר, גרויסער ג-ט, אַז אין דיין גרויסען נאָמען וועסטו מיין פאַרלאַנג צוליב טאָהן, און איך בעט אַז מיין שוועסטערס קערפּער זאָל געפינען רוה אין דעם קבר און איהר נשמה זאָל אַרויפשטייגען אין דער הויך און זאָל געפינען אַן אָרט צווישען אַלע הייליגע און פרומע פרויען.

איך וועל מיין שוועסטערס אָנדענק קיין מאָל ניט פערגעסען. איך וועל איהר שטענדיג דערמאָנען מיט עהרעפורכט און היילינען ציטער. און אום צו פאַראייביגען איהר טהייערען און ווירדיגען נאָמען גיב איך איצט צדקה אויף וואָלטעטיגע אַנשטאַלטען און ווען מָשִׁיחַ וועט קומען זאָל זי אויפשטעהן תְּחִיַּת הַמֵּתִים מיט אַלע ריינע אויסגעלייטערטע נְשָׁמוֹת. אמן.

ter's soul and the souls of the pious women finding repose in celestial bliss stand in my good stead to shield me from evil. Lead me, O G-d, in the pathway of Judaism and humanitarian principles and grant me Thine grace to remove sadness from my abode and to provide me and my family with material security, that we may enjoy all that makes for a full and healthful life.

I firmly hope, O gracious Father, that for the sake of Thy great name my prayer will be accepted favorably by Thee and my sister's ashes will find rest here while her pure soul will be received in Thine heavenly seat among the holy and virtuous women of past generations.

My sister's name will always be carved upon my mind and in order to commemorate her precious and worthy name I offer now a contribution, accord-

ing to my ability, to charitable institutions, and may she rise to enjoy eternal bliss on the day of the Coming of Messaiah. Amen.

צו זאָגן אויפ'ן בית הקברות חוֹדֶש אֱלוּל, עֶרֶב ראֹש הַשָּׁנָה און עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר

יְהִי רָצוֹן זאָל זיין דער ווילען פאר דיר, באַרעמהערציגער און פארגיבענ-דער ג-ט, וואָס דו זיצט אויפן טראָן פון רחמים, דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען איבער אונז און זאָלסט זיך באַגעהן מיט אונז מיט חֶסֶד און זאָלסט ניט זיין שטריינג צו אונז ביי משפּט'ן אונז, ווייל עס איז ניטאָ קיין לעבעדיגער מענש, וואָס זאָל ניט האָבען געזינדיגט. אַנשטאַט גערעכטיגקייט זאָלסטו זיך בע-נעהמען מיט אונז מיט רחמנות. דער-באַרעם זיך אויף דיין פאָלק, וואָס רופט אין דיין נאָמען. דערמאָן אונז צו גוטען, טוה דאָס פון דיינעטוועגען און אין נאָ-מען פון די הייליגע, וואָס האָבען שוין געפונען זייער אייביגע רוה. ווייל מיר קוקען אויס אונזערע אויגען צו דיר און מיר ערוואַרטען דיין הילף. זעה אַז מיר זאָלען ארויסגעהן גערעכטע ווען דו זעצט זיך משפּט'ן אונז אין די קומענדע טעג און . . .

עֶרֶב ראֹש הַשָּׁנָה זאָל מען דאָס זאָגען:

מיר זאָלען ווערען פערשריבען אין

Prayer on Visiting the Burial Ground From the Beginning of the Month of Elul, On the Day Before New Year and On the Day Before Yom Kippur

May it be acceptable in Thy presence, Eternal G-d of mercy and forgiveness, who sittest on the throne of mercy, to incline tender compassion towards us. With a trembling heart and a contrite spirit I venture to approach this sacred spot of the pious ones, who repose here in peace, to invoke Thy paternal forgiveness for the sins, iniquities and transgressions which I have committed. Enter not into rigorous judgment with us. For no one can be justified before Thee. I am conscious of my transgressions. For, unto Thee and for Thy salvation are my eyes continually directed, that Thou mayest justify us in Thy judgment, and that we may — (On the Day before the New

דעם בוך פון לעבען צו גוטעס און צו גליק און דעם דאָזיגען ראש השנה, וואָס קומט אויף אונז צו גוטען.

עֶרֶב יום כִּפּור זאָל מען דאָ זאָגען:

מיר זאָלען פערזיגעלט ווערען אין דעם דאָזיגען יום כפור וואָס קומט אויף אונז צו גוטען.

זאָלסט אונז מוחל זיין און פאַרגעסען אַלע אונזערע זינד, וואָס מיר האָבען געזינדיגט געגען דיר. שיק אונז אַ גוטען יאָהר, אַ יאָהר פון אמת פון גליק, פון אויסלייזונג, פון פרייד, פון פראַכט פון פַּרְנָסָה, פון רוה, פון הילף, פון טרייסט, פון צדקה, פון פרידען. זאָל זיין מַזָל וּבְרָכָה אין אַלץ וואָס מיר נעהמען אונטער. אלע אונזערע פער-לאַנגען און באַדערפענישע זאָלסטו ער-פיעלען. אונזער האָפנונג זאָל פער-ווירקליכט ווערען. זאָל נעהמען אן ענדע צו אונזערע צרות און אַ סוף צו אונזער גָלוּת. פאַרגיב דיין פאָלק ישראל אַלע זיינע זינד.

דערמאָן זיך, ג-ט, אין אַלע צדיקים, וואָס אין זייער זכות איז די וועלט ביז איצט געשטאַנען. אין זייער נאָמען זאָלסטו אַוועקנעהמען פון דיין פאָלק

Year) on the ensuing morning of the New Year, that draws near to us, be remembered and inscribed . .

(On the day before the Day of Atonement) on the ensuing morning , the day of fasting and atonement that draws towards us, be remembered and sealed . . . in the book of a happy life and of blessing. Pardon and forgive all our sins and transgressions. Grant us a happy and blessed year, a year of felicity, of peace, of truth, of redemption, of gladness, of honor, of subsistence, of ease, of consolation. Deign to send Thy blessings on our undertakings, grant our requests, and fulfill our desires. Terminate our sufferings, collect our dispersed, and hasten to redeem us. Pardon the sins of Thy people of Israel.

May the godly and meritorious deeds of those pious ones who repose here be extended to

ישראל יעדע צָרָה, יעדער אַנגסט, און יעדער טרויער. זאָל אונזער וואונש מְקוּיָם ווערען און משיח זאָל קומען אונז אויסלייזען און מיר זאָלען צוריק אויפבויען דעם בֵּית הַמִקְדָש, און די שְׁכִינָה זאָל זיך צוריקקערען צו אונזער לאַנד.

הער, ג-ט, אונזער תפילה און נעהם זי אויף מיט רחמים און חסד. (איצט זאָל מען געבען צדקה און זאָגען: תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְזֵירָה)

us, to remove from me and from all Thy people of the house of Israel all wrath and anger. Send us Thine anointed one, rebuild for us Thy sacred Temple, restore Thy Divine glory to our glorious land.

Hear us, O Eternal, and accept our prayers with mercy and favor! Amen.

קַדִּישׁ דְּרַבָּנָן:

יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא. בְּעָלְמָא דִּי־בְרָא כִרְעוּתֵהּ וְיַמְלִיךְ מַלְכוּתֵהּ. בְּחַיֵּיכוֹן וּבְיוֹמֵיכוֹן וּבְחַיֵּי דְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל. בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב. וְאִמְרוּ אָמֵן.

יְהֵא שְׁמֵהּ־רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא.

יִתְבָּרַךְ וְיִשְׁתַּבַּח וְיִתְפָּאַר וְיִתְרוֹמַם וְיִתְנַשֵּׂא. וְיִתְהַדַּר וְיִתְעַלֶּה וְיִתְהַלָּל שְׁמֵהּ דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. לְעֵלָּא מִן־כָּל בִּרְכָתָא וְשִׁירָתָא. תֻּשְׁבְּחָתָא וְנֶחָמָתָא. דַּאֲמִירָן בְּעָלְמָא. וְאִמְרוּ אָמֵן.

עַל יִשְׂרָאֵל וְעַל רַבָּנָן וְעַל תַּלְמִידֵיהוֹן וְעַל כָּל תַּלְמִידֵי תַלְמִידֵיהוֹן וְעַל כָּל מָאן דְּעָסְקִין בְּאוֹרַיְתָא׃ דִּי בְּאַתְרָא הָדֵין וְדִי בְכָל אֲתַר וַאֲתַר׃ יְהֵא לְהוֹן וּלְכוֹן שְׁלָמָא רַבָּא׃ חִנָּא וְחִסְדָּא׃ וְרַחֲמִין וְחַיִּין אֲרִיכִין וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי׃ וּפֻרְקָנָא מִן קֳדָם אֲבוּהוֹן דִּי בִשְׁמַיָּא וְאַרְעָא׃ וְאִמְרוּ אָמֵן.

יְהֵא שְׁלָמָא רַבָּא מִן שְׁמַיָּא וְחַיִּים טוֹבִים עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל. וְאִמְרוּ אָמֵן.

עֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו. הוּא בְּרַחֲמָיו יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל. וְאִמְרוּ אָמֵן.

קדיש יתום

יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא. בְּעָלְמָא דִּי־בְרָא כִרְעוּתֵהּ, וְיַמְלִיךְ מַלְכוּתֵהּ, בְּחַיֵּיכוֹן וּבְיוֹמֵיכוֹן, וּבְחַיֵּי דְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל, בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב, וְאִמְרוּ: אָמֵן.

יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא מְבָרַךְ, לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא.

יִתְבָּרַךְ, וְיִשְׁתַּבַּח, וְיִתְפָּאַר, וְיִתְרוֹמַם, וְיִתְנַשֵּׂא, וְיִתְהַדַּר, וְיִתְעַלֶּה, וְיִתְהַלָּל, שְׁמֵהּ דְּקֻדְשָׁא, בְּרִיךְ הוּא. לְעֵלָּא מִן כָּל בִּרְכָתָא וְשִׁירָתָא, תֻּשְׁבְּחָתָא וְנֶחֱמָתָא, דַּאֲמִירָן בְּעָלְמָא, וְאִמְרוּ: אָמֵן.

יְהֵא שְׁלָמָא רַבָּא מִן שְׁמַיָּא וְחַיִּים עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ: אָמֵן.

עֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו, הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ: אָמֵן.

ORPHAN KADDISH

Kaddish to be repeated during the eleven months after the death of their parents, also on Yahrzait, i.e., the anniversary of such death

---

Yisgadal ve'yiskadash sh'mey rabo, b'olmo dee-vro chiroosey ve'yamlich malchusey, be-chayechon uv'yomeychon uvchayey d'chol beys yisroel, baagolo uvizman koriv, ve'imroo omain.

Yehey sh'mey rabo m'vorach l'olam ulolmey olmayoh.

Yisborach ve'yishtabach ve'y'spoar ve'yisro-mam ve'yisnasey, ve'yis'hadar ve'yisalleh ve'vis'-hallol sh'mey dekudsho berich hoo. Le'eylo min kol birchoso veshiroso, tushb'choso ve-nechemoso, daameeron b'olmo, ve'imroo omain.

Yehey shlomo rabo min shemayo vechayim oleynoo v'al kol yisroel ve'imroo omain.

Oseh sholom bimromov, hoo yaaseh sholom oleynoo v'al kol yisroel, ve'imroo omain.